# באַראָן הירש'ס מיליאָנען

די

רעדע וואס דער בעריהמטער נאוועליסט

# מר. ישראל זאנגוויל

האָט געהאַלטען אין

## שארדיטש טאון האלל

אם שבת אבענד 16טען מיי 1903.

איבערזעצט אין זשאַרגאָן פֿון מר. דאלידאנסקי.

**פרייז 2 פענס.**

האלב פּראפיט פון דיעזער בראשורע איז פיר די
קישינאווער יתומים אין ארץ ישראל.

1903

געדרוקט ביי ה. גינצבורג, 36 לעמאן סטריט,
לאָנדאָן, איסט.

166



מר. ישראל זאנגוויל.

# מר. זאנגוויל'ס רעדע

איבער דיא יק"א,

אין

שארדיטש טאון האלל.

אם

16טען מיי 1903

דיא העלפט פון דעם פראפיט פון דיזער בראשורע געהט

. . . פיר דיא קישינאווער יתומים. . . .

איבערזעצט פון איינגליש, בייא מר. דאלידאנסקי.

געדרוקט ביי ה. גינצבורג, 36 לעמאן סטריט.

לאנדאן איסט.

# מר. זאנגוויל'ס

# רעדע . . . .

## תרס"ג.

זינד איך האָב גיהאַט דעם לעצטען מאָל דיא עהרע אייך צו אַדרעסירען אין דיזע האָלל מעהר וויא מיט אַ יאהר צוריק, האָבען אַ סך זאַכען געטראָפען אינוועניג און פון דרויסען פון אונזער בעוועגונג. אָבער אַללע, דירעקט אָדער אינדירעקט, פיהרען צו אונזער צוועק—ציון פאַר מאָנאַטען און מאָנאַטען נאך אַנאַנד איז דיא ראָיאַל קאָמישאָן געזעסען, און זיא וועט באַלד האָבען אויסגעזעסען איהר איי, און דא וועט באַלד אַרויסקריכען א גאַנץ אַלטער פויגעל. דיא אידישע קאָלאָניזאַציאָנעס געזעלשאַפט, אָדער וויא זיא ווערט אויס ליעבשאַפט גערופען „יק"א," האָט אויך איהרע עסקים אריינגעשטופט אין פאַרלאמענט. בעטענדיג צו האָבען מיט־לייד מיט דיא אָרעמע מילליאָנערען. אין סויטה אַפריקאַ האָט לאָרד מילנער אויטאָריזירט דיא ציוניסטישע פעדערריישאָן אַרויסצוגעבען פערמיטס צו אידען וואָס קומען צוריק. געבענדיג דערביי דיא ציוניסטען צו פערזוכען פאָליטישע מאַכט. אין אַמעריקאַ האָט פרעזידענט רוזוועלט אדרעסירט אַ נאָבעלען פּראָטעסט צו רומעניען ער האָט מיט דעם געצייגט דעם קריסטענטהום איין עקזאַמפעל און דיא אידען געלערנט אַ לעסאָן—דעם לעסאָן. דאָס קיינער קען אונז ניט העלפען סיידען מיר העלפען זיך אַליין. אויב אַלע מאַגנאַ־

טען דורך דער גאַנצער וועלט וואָלטען געהאַנדעלט אַזוי מוטהיג ווי דער לאָרד מעיר, וועלכער האָט ענטזאַגט צו שיקען דעם רומענישען מיניסטער איין איינלאַדונג צו זיין באַנקעט וואָלט דער צושטאַנד באַלד אַנדערש אויסגעזוהען. אין אַמעריקאַ האָט אונזער פריינד דער־האַס ניט נאָר געגעבען דיא בעוועגונג אַ שטופּ פּאָראויס, נאָר ער האָט אויך איבערגעדרוקט א ציוניסטישען פּראָיעקט וואָס סיר סעמיאל מאָנטאַגיו האָט מיט 10 יאהר צוריק געמאַכט, דער וועלכער סיר סעמיאל וואָס האָט מיר ניט לאַנג צוריק בעשולדיגט דאָס איך בין איין אידעאַליסט; אַזוי וויא לוסיאן וואָלף האָט מיר אין דערזעלבער צייט בעשולדיגט דאָס איך האָב דיא אויגען אָפּען צו צוכאַפּען באַראָן הירש'ס מילליאָנען. בין איך אַליין גיוואָרען צומישט און האָב ניט געוואוסט אויב איך שטעה אויף מיין קאָפּ אָדער אויף אימעצינס היהנער־אויגען. און איבער דיא גאַנצע פּלאַפּ־לעריי און פלוידעריי מיט דיא אַלע דיסקוסיאָנען איבער דיא אידי־שע פּראַגע קומט וויא אַ באָמבע

## די שרעקליכע נייעס פון דיא קישינאווער שחיטה

אונז צו זאָגען דאָס דיא אידישע פּראָגע איז פּונקט דאָ וואו זיא איז געווען אין דיא מיטעל־אַלטער יאהרען. דיא צייטונגען, זאָגאַר דיא וואָס שטעהען אונטער דיא רוסישע צענזור, האָבען רעפּאָרטירט גענוג פון דער מערדעריי פון מענער, פון דער בוטשעריי פון פרויען און דעם אַראבשליידערען קינדער פון הויכע פענסטער. עס ווערט אויך ניט געלייקענט דאָס דעם אידישען סוחר גאַלאַנטער, וואָס האָט מיט זיין רעוואָלווער פערטהיידיגט זיינע קינדער, האָט מען דיא אויגען און דעם צונג אויסגריסען, אבער זאָגאַר דיא ניט־רוסישע צייטונגען האָבען אונז ניט ערצהלט דיא אַלע אונבעשרייבליכע גרוילטהאַטען, וויא מיר איז פון אָרט געמעלדעט געוואָרען, וויא אַרויסשלעפּען דיא אינגעווייד פון מענער און דעם בויך אנשטאָפּען מיט פעדערען, נאך דעם אַרט פון דיא אַפּאַטשי אינדיאַנער: פון דיא דזעק־דהי־ריפּער־גרוילטהאטען וואָס זיינען בעגאַנגען געוואָרען צו דיא אידישע פרויען—וואַג איך ניט צו דערצעהלען.

ניין, אין דער צייט וואָס דיא מעהרהייט פון דיא אידען לעבען

אין רוססלאַנד, לעבען זייא ווירקליך אין דעם פּינסטערען מיטעל־אַלטער זאָגאר בוכשטעבליך. רוסלאַנד רעכענט איהר צייט נאָך דעם אַלטען קאַלענדאר, און דיזער בלוטיגער איסטער־זונטאַג איז אויסגעפאַלען אין דעם זעלבען טאָג און אויף דיא זעלבע זעלען וויא אין מיטעל־אלטער. דאָם איז דערפאַר וואָס דיא איבעריגע פון איראָפּאַ געהט אויך צוריק נאָך דיא מיטעל־אַלטער יאהרען זאָס מיר, מעהר גליקליכע ענגלישע אידען, קוקען מיט אזוינע אַנגסטען אויף דיא זיצונגען פון

## דיא עליען קאמיסיאן.

דאס איז זיכער אַז דיא קאמיסיאָן וועט רעקאָמענדירען געוויסע מאַסרעגעל אויסצושליסען—אויב אפילו נאר "אַנדעזיירייבעלס" דאס קלינגט אָבער ניט פראַקטיש, אונגליקליכער ווייזע איז דיא אויס־שליסונג פון אַנדעזיירייבעלס אין גאנצען נוצלאָז אַלס אַ הילף פאר דיא ענגשאַפּט און דיא קאָנקורענץ אויף וועלכע מען בעקלאָגט זיך. קראַנקע, שוועכלינגע און בעטלער קענען ניט צאָהלען שליסעל־געלד און קענען אויך ניט אַוועקנעהמען דיא ברויט פון דיא אָרעמע קריסטען. דאס זיינען דיא „דיזיירייבעלס" (געווינשטע) וואָס זיינען אין אמת דיא „אַנדעזיירייבעלס" (אונגעווינשטע) עס איז אויך מעגליך דאס דיא קאָמיסיאָן זאָל פראָקלאַמירען סטעפּני אַלס אַ צו ענגער געגענד וואהין מעהר מענשען דאַרפען ניט אַרייצולאָזען ווערען. דיא שוועריקייט פון היטען און אַכטונג געבען איז אָבער זעהר גרויס. ענגלאַנד, שיידענדיג זיך לאַנגזאַם פון איהרע נאָבעלע פּרינציפּען, מעג פּרובירען טאָן פון אָנפאַנג א זאך אויף דער העלפט, פונקט וויא געוויסענהאַפּט געברויכט זיא דאס וואָרט „פרעמדע" אנשטאט „אידען", אָבער איין מאָל ווען עס ווערט אייסגעפונען וויא נוצלאָז דאס איז דער אויסשליסען דיא שלעכטע און היטען דיא גוטע, ווער קען גאראַנטירען אַז ענגלאַנד וועט ניט געהען ווייטער און אין גאַנצען אויסשליסען דיא אידישע אימיגראַנטען? אַזוי איז אויך דער אויסשליסען פון „אַנדעזיירייבעלס" אַ גאַנץ גרויסע אונטערנעהמונג. „אַנדעזיירייבעל" איז אַ שעהנער, אונבעדייטענדער וואָרט וואָס לאָזט זיך לייכט אויסציהען. איך וואָלט צום ביישפּיעל

ניט איינגעשטימט מיט דעם פרעזידענט פֿון דיא אידישע באָרד אָף גאַרדיענס וועגען דער פֿראַגע. ווער זיינען דיא אידישע אַנדעזייראבעלס ? מען קען אָבער פֿרעגען, פֿארוואָס זאָללען דיא ציוניסטען זיין געגען דער אויסשליסונג פֿון מעהר אידען, ווען דאָס צייגט פונקט אן אויף דעם מאָראַל וועלכען זיי פּראָפּאָגאַנדירען— דיא נויטיגקייט פֿון בעזאָרגען אַ הויז פֿאר דיא וואַנדערנדע אידען ? עס זיינען אָבער דאָ אַ סך אורזאַכען פֿארוואָס מיר דארפֿען דערפֿון ניט זיין צופֿרידען. ערשטענס, דיא פֿון אונז וואָס זיינען אין ענג־לאנד געבאָרען און ערצויגען האַלטען אַז פֿרייהייט איז ענגלאנדס שעהנסטע און גרויסאַרטיגע טראַדיציאָן. מיר זיינען אזוי אָפֿט מעהר ענגליש וויא דיא ענגלענדער אויף א גאנץ לעבערליכער ארט ; לאָמיר אמאָל זיין מעהר ענגליש פֿון דיא ענגלענדער אין א נאָבעלע זאך—אין רעטען ענגלאנד פֿון זיין פֿאלש צו זיך אליין. צווייטענס געדענקען מיר דיא לעהרע פֿון משה; „ואתה ידעת את נפש הגר כי גרים הייתם". דאס איז געווען זעהר שמערצליך צו זעהן וויא גרינע נאר וואס אנגעקומען וועלכע קענען קוים ענגליש ריידען, קעהרען זיך אום געגען דיא וואָס קומען שפעטער פֿון זיי. איך בין אליין איינגעלאדען געוואָרען זיך אָנצושליסען אָן א קאָמיטע פֿון דיוקס, לאָרדען און מעמבערס אָף פּארלאמענט וועגען דיא בעשרענקונג פֿון אימיגראַציאָן, איך האָב געענטפֿערט :

## מיין אייגענער טאטע איז א פרעמדער אימיגראַנט

און איך טאָר ניט אויסשליסען אנדערע, און דריטענס, מיר ציוניס־טען זיינען געגען יעדע זאך וואָס ערנידעריגט דעם שטאנד פֿון אונזער פֿאָלק און בעשרענקט דיא פֿרייהייט פֿון אידען צו וואָהנען וואו זיי ווילען. וויא ווייט מיר ווינשען צו באזעצען אונזער פֿאָלק אין אַ אייגענער לאנד—קענען מיר ניט אויפֿגעבען דאס רעכט פֿון אינדיווידועלע אידען צו וואהנען וואו זיי גיפֿעלט. פונקט וויא דיא אינדיווידועלען פֿון אנדערע נאציאָנען וואָלטען געווען פֿריי צו וואָה־נען צווישען אונז. דיעזע ערקלערונג מעג בערוהיגען דיא רייכע ענגלישע אידען וואָס שרעקען זיך מיר זאָלען זיי ניט שלעפּען דורך גוואלד נאָך פאלעסטינא. זייער שרעק עראינערט מיך פֿון דעם

אלטען מאנן אין עסאָפּ'ס פּאבעל, וואָס האָט שטענדיג געבעטען דאס דער טויט זאל קומען און ענדליך ווען דער טויט איז געקומען האט ער זיך אָבגעשראקען און איהם געהייסען אַוועקגעהען, אָבער

## זייער בעגריעף איבער ציוניזם איז א קאריקאטור.

מיר ערווארטען גאר ניט פון זיי זיי זאלען געהן נאך ציון. אונזער ציוניזם איז ניט דער ציוניזם פון אַלטען פּאסאָן—מיר ערווארטען קיינע נסים. אָהנע צווייפעל, זיי זיינען גאנץ גערעכט וואָס זיי טרויען אן אין גאנצען אויף ענגלאנד און וויללען זיך פאר'ן שלעכטען טאָג ניט פּארבערייטען, איך שרעק זיך אבער אָב דענקענדיק, וואָס וואָלט צו אונז געשהען אז ענגלאנד וואָלט אין די באָער מלחמה געשלאָגען געוואָרען. אזוי זיינען אויך אונזערע קאפּיטאליסטען אנגעקלאָגט געווארען דאָס זיי האָבען אלע צרות אנגעמאכט און קיינער האָט ניט געמערקט וויפיעל פון אונזערע זיהן האבען געקעמפּפט און געשטאָרבען פאר ענגלאנד. און אזוי אויך דיזער שטראָם פון פראָטעקציאָניזם. דיעזער אויסגעשריי פון בריטישען ברודער קומט דורך דיא אויפהויבונג פון נאַציאָנאלען געפיהל וואָס קומט שטענדיג צוזאמען מיט אַ מלחמה. אלע אידישע דשינגאָאיזם האָט געהאָלפען צו פאנאנדער בלאָזען דעם פייער וועלכער שטעלט אונז אליין אין געפאהר.

## מיר זיינען אהער געקוממען מיט'ן עראבערער

(ווילליאם דער עראבערער דער דיוק פון נארמאנדי ער האט אין 1067 עראָבערט דען ענגלישען טראהן און געוואָרען קעניג ער האט פון אויסלאנד אריין געבראַכט זיינע אייגענע אדעליגע צווישען וועמען ער האָט דיא לאנד צו טהיילט, מיט איהם זיינען אסך אידען נאך ענגלאנד געקומען אנדערע בעהויפּטען ווירקליך דאס דיא ערשטע אידען אין ענגלאנד זיינען מיט איהם גיקומען) אבער אלע אונזערע דיענסטע צו איהם און זיינע נאַכקומער, אונזער גאנצער בויען ענגלאנדס שלעסער און גרויסע קירכען. אלע אונזערע מיטשטייערונג צו וויסענשאפט און צו פינאנס האָט אונז ניט געהאָלפען ווען מען האט אונז מיט צוויי הונדערט און פינף און צוואנציג יאהר שפּעטער ארויסגעיאָגט נאך א סעריע פון הריגות וויא יעצט אין

קישינעוו. פֿון דיא 16,000 ענגלישע אידען וועלכע האבען אויסגעקליי־בען צו פֿערלאָזען דאס לאנד איידער זיך צו שמדען האט נאָר צו ווענינע געלונגען אריבערצוגעהען דעם קאנאל. איין שיפֿס קאפיטאן האט אראבגעלאזען א קאָמפּאניע רייכע סוחרים אויף איין אינזעל און האט זיי גיהייסין שרייען צו משה'ן ער זאל זיי רעטען פֿון ים. דאָס איז דאס לעצטע מאָל וואָס מיר הערען—פֿאר נאהענט פֿון 400 יאהר—פֿון ענגלישע אידען איך בעט אום ענטשולדיגונג איך מיין אידישע ענגלענדער, דאנן האָבין זיי אנגעפֿאנגען צוריק צוקריי־כען, און ביי דעם לעצטען פֿירטעל פֿון 17-טען יאהרהונדערט זעהען מיר זיי דא צוריק איינגעשטעלט. און שוין—ווידער נאך צוויי יאהר־הונדערטער מיט אַ פֿיערטעל, פֿיהלען מיר קראכען און ציטערנים אונטער דיא פיס וואס צייגען אויף געפֿאהר און דיא געוועהנליכע אויפֿשריפֿט אויפֿ'ן וואנד. צוויי יאהרהונדערט מיט א פֿירטעל—דאס זעהט אויס אלעס וואס איז אונז ערלויבט צו פֿערבלייבען רוהיג. איך וויל ניט זיין צו פֿיעל שרעקענדיג. איך זאָג ניט אז דיא צייט איז אויס, איך גלויב דאָס ענגלאנד—דיא מוטער פֿון פֿרייהייט און פּארלאמענט—איז אונפֿעהיג צו זינקען אזוי נידעריג נאך אמאל, זאָגאר מיט דער הילפֿע פֿון פרעזידענט פֿון דיא אידישע באָרד, אָון גארדיענס. דאָס איז וואהר. דיא אלגעמיינע אויפֿהעצונג קען אמאָל צווינגען דיא הענד פֿון מיניסטערס: און יעדער וואס איז נאר ווען אריינגעפֿאלען אין א צוזאמענגעלאף פֿון ־הוליגאנס קען ניט צווייפֿלען אין דיא מעגליכקייט פֿון פאגראָמען געגען דיא אידען זאָגאר אין לאָנדאָן. איך גלויב אָבער דאָס דיא הארץ פֿון ענגלאנד איז געזונד און זיא וועט ניט אוועקשטויסען דיא וואָס אנטלויפֿען פֿון פֿערפֿאָלגונגען אָהנע זייא צו העלפֿען געפֿינען אַהיים. אָבער אין פֿראנקרייך. וואו בעפֿאָר די טעג פֿון דרייפֿוס האָבען די אידישע פֿראנצויזען זיך אויך געגלויבט פֿאר זיכער, וואו

## דרייפוס דער גרעסטער קריסט (מארטירער) אין פאריז

שרייט נאך „וויוו לאַ פֿראנס„ אין פֿריינקרייך האָבען מיר געזאָגט מענשען וואָס וויסין דעם צושטאנד גוט, דאָס אויב איין אנדער רעוועלוציאָן קומט וועלען דיא אידען זיין די ערשטע כפרה, לאָמיר

האָפּען דאָס ביז דאַן וועט זיין אַ רעוואָלוציאָן אין אונזער ישיקזאל און דיא וואָס וועלען פון דאָרטען מוזען אַנטלויפען וועלען מיר פאר זיי האָבען אהיים אין פאלעסטינא. אין דעם טאָג גלויב איך דאָס ראָטשהילד וועט שטאַרק וועלען זיין אידישער אמבאסאדאָר אין פאריז. וואס באַראָן עדמונד דע ראָטשהילד אנבעטריפט וועט ער וואהרשיינליך ניט זיין אונצופרידען זיך צו בעזעצען אין דיא פאלעסטינישע קאָלאָניעס וואָס ער האט בעשאפען איך האָב נאָך אויך ניט פערלאָרען מיין האָפנונג דאָס לאָרד ראָטהשילד וועט ווענינגסטען האָבין אַ ווילא אין ציון, פונקט וויא זיין קרוב לאָרד ראָזבערי האָט אַ ווילא אין נעאפאל, זינד לאָרד ראָטשהילד האָט זיך געזעצט אין דיא ראָיאַל קאָמישאָן און האט געהערט דעם שטראָם פון רשעות וואָס ווערט אויסגעגאָסען געגען זיין פאָלק האָבען זיך זיינע אויגען געעפענט. פאר דעם ערשטען מאָל אין זיין לעבען האָט ער אליין געזעהען און געהערט פון אַ אידישע פראגע, אנשטאט וואס ביז אהער האָט ער דאס נאר געזעהען דורך דיא אויגען פון פאראזיטען, פאר איהם ווירקליך איז דיא אידישע פראגע גאנץ איינ־פאך, פאר לאָרד ראָטשהילד איז דיא אידישע פראגע נאר געוועזן.

## וויפיעל וועט איהר געבען?

און צו דיזער פראגע האָט ער שטענדיג גאנץ פריי געענטפערט. אָבער, ליידער! דיא ערלעזונג פון אַ פאָלק קען ניט עררייכט ווערען דורך שנאָררען, ניט זאָגאר דורך שנאָררען פון רבונו של עולם. גאָט העלפט נאָר דיא וואָס העלפען זיך אליין. איך האָב אַ האָפענונג דאָס לאָרד ראָטשהילד וועט אין דעם צוקונפט העלפען זיין פאָלק צו העלפען זיך אַליין. איך האָב בלויז איין שטונדע פערבראכט אין דיא ראָיאל קאָמישאָן, אָבער צוויי בילדער פון דאָרטען בלייבען פאר אימער אין מיין גידאנקען. איין בילד איז דער הונגער פון דעם קאפ פון אַ אידישען ארבייטער וואָס פראָטעסטירט געגען דעם אָנקומען פון מעהער אידען, דיא גרויסע אויערען וואָס שטעקען ארויס און דיא קרימינאלע פאָרמע פון קאָפ געהט מיר פון גערדאנקען ניט ארויס דער אנדער בילד איז

# די פּלייצע פון לארד ראטשהילדס ראק

צוקנייטשט אין טויזענד קנייטשען. איך האָב צו זיך אליין געזאַגט אז דא מוז זיין אָדער אַ שלעכטער ראק, אָדער אַ גוטער מאנן, נערוועז און אנגסטיג פאר דיא ארעמע פון זיין פאָלק. אזוי וויא לאָרד ראָטשהילד קען בעהויפּטען צו האָבען אַ גוטען שניידער, בין איך צום שלום געקומען, דאס איך זעה פאר מיר אַ גוטען מאנן וואָס בעקימערט זיך ניט וועגען זיך און איז אויפגערעגט צוליעב אנדערע, זיינע אנגסטען נים צו צומאכען דיא טיר געגען דיא אנטלאָפענע פון פערפאָלגונג איז אין שטארקען קאָנטראבט מיט דיא קליין ענגלענדער מענשעלאך, וויא אָלדערמאַן הערריס, אויך אין דיא עליען קאָמיסיאָן. האָט לאָרד ראָטשהילד געהאט די געלעגענהייט זיך פערזענליך צו בעקענען מיט דר. הערצל. און איך דענק ניט דאָס אזעלבע צוויי גרויסע פריינד פון זייער פאָלק זאָללען זיך קענען טרעפען אָהנע דאָס גוטע קערנער זאָלען דערביי פערזיים ווערען. מיר דארפען נאָר פערשטעהען איינער דעם צווייטען און מיר וועלען באלד אלע געהען צוזאמען.

דעם לעצטען מאל וואָס איך האָב דאָ גערעדט האָב איך געהאט שארפע קריטיק פאר דיא טראסטים פון דיא הירש מילליאָנען — און איך מיין זיי ניט צו שוינען היינט אָוועגט אויך. איך האָב אָבער קיין מאָל ניט געמיינט צו זאָגען דאָס זיי זיינען אנדערש וויא פאטריאָ־טישע איינגעשפארטע אידען וואָס טאפּען אין דער פינסטער און האָבען ניט אירגענד וועלכען פּאָדים פון פּאָליטיק וואָס זאל זיי פיהרען. דאס איז איינער פון דיא אונגליקליכע רעזולטאטען פון ניט האָבען אַ געזונדען פאליטישען לעבען מיט געזונדע געגענ־זייטיגע קריטיק, דאָס מיר בעטראכטען דעם אבלייקענען פון מאַנס פעהיגקייט אלס דיא אבלייקענונג פון זיין גוטסקייט. „ער איז אַזא גוטער מאנן,” טענה'ן מענשען. מיר זיינען אזוי וויט געוואָנט רע־גיערט צו ווערען פון גוטע מענשען דאס מיר האָבען פערגעסען צו פרעגען אויב דיא אַנגעלעגענהייטען פון אַ פאָלק קענען געפיהרט ווערען אָהן סטיםסמען, און אויב אונזער האָבען ניט מעהר וויא

## גוטע מענשען און גרויסע רבנים

פֿאר הונדערטע יאהרען לאנג האט ניט צו טהאָן מיט דעם שטראם פֿון טרערען און בלוט וואָס גיסט זיך אין אונזער געשיכטע. מען זאָגט דאָס קלוגע מענשען פֿערברייננען זייער צייט אין פֿעריכטען דיא פֿעהלערען וואָס דיא גוטע מענשען בעגעהען.

פֿאָריגען יאהר אין דיעזער האָלל, האָט אונזער פֿריינד, וואָס איז גוט און קלוג, דר. גאסטער געפֿונען פֿעהלערען געגען מיר אויסצוזעצען פֿאר'ן קריטיקירען דיא הירש טראסטים. זיי זיינען אַזעלכע גוטע מענשען, האט ער געזאָגט, זיי פֿיהרען בלויז אויס דאָס וואָס באראן הירש האָט זיי אנגעזאָגט. וויא איז דער צושטאנד היינט? עס איז בלויז דאָ איין אידישע צייטונג אין ענגלאנד און אמעריקא, אָדער איך קען זאָגען אין דער גאנצער וועלט, וואָס האָט אַ גוט וואָרט צו זאָגען פֿאר דיא יק"א. מר. עלקאָן אַדלער אין דיא אנגלאָ-דזוואיש אסאָסיאיישאָן, האָט דיא געשיכטען פֿון דער יק"א בעשריבען אלס איין לאנגער מיש-מאש און אונאָרדענונג. זאָגאַר גאסטער איז דאָ ניטאָ דיא יק"א צו פֿערטהיידיגען. דיא גאנצע וועלט פֿאנגט אָן פֿרעגען: וואָס איז געוואָרען פֿון דאָס געלד? פֿאָריגען יאהר בין איך געשטאנען בעגאה אליין, היינט שטעהט דיא יק"א אליין אויף מיין זייט, ווייל זיא איז אַוועק צו דיא הויז אָף לאָרדס און געזאגט:

## פארגיט אונז אונזערע זינד

און לאָסט אונז ווינדיגען ווייטער. דיעזער ביל אליין איז דער בעסטער עקזאמפל פֿון פלוטעווען און טומלען. ניט צופֿרידען מיט מיין פֿערזיכערונג דאָס זיי האנדלען ניט געזעצליך, האָבען זיי צוזאמענגעשטעלט איין ארט קאָמישאָן פראָצעס בעפֿאָר סיר עדוארד פֿריי, אבער ניט וויא דיא קאָמישע פראָצעסען וואָס מענשען מאכען פֿון אונטערהאלט וועגען איז דער ביל פֿון קאָסטען דאָ געווען אין ריכטיגען אמת. דעם דוזאדם פסק איז געווען דערזעלבער וואָס איך האָב זיי געגעבען אָהן געלד. דיא אידישע קאָלאָניזאציאנס געזעלשאַפֿט—האָט ער געזאָגט מיט דיא טיעפֿע חכמה פֿון אַ ריכטער— איז דיא געזעלשאפֿט פֿאר אידישע קאָלאָניזאציע, דיא טראסטים

קענען נאָר דירעקט פֿערברויבען זייער געלד אין גרינדען קאָלאָניעס אנדערשוואו, אָבער ניט אינדירעקט גרינדענדיג סקולס, פֿעקטאָריעס א. ז. וו. אין דיא לענדער פֿון אונטערדריקונג. גלייך דאַרויף איז דיא יק"א אוועקגעלאָפֿען צו בעטען פּארלאמענט אן דעם גרונד „פֿון דיא גרויסע שוועריגקייטען וואָס עקסעסטירען אין בענוצען דעם גאנצען איינקונפֿט לויט דיא סטאטוטען פֿון דעם טראסט", פערלאַנגען זיי ערלויבענים ניט נאָר צו שפּענדען דיא מיליאָנען אויף אינסטיטוציאָנען וואָס העלפֿען עמיגראציאָן, נאר אויך—און דאָ ליעגט דער הונד בעגראָבען—צו שפּענדען דאס געלד וואו זיי געפֿעלט אָבער צו ערלויבען דיא טראסטים ארויסצודרייען זיך פֿון דיא אונ־בעקוועמע פֿפליכט פֿון קאָלאָניזאציאן און לאָזען דיא גאנצע זאך ווערען א צדקה פושקע, וואָלט מיינען לאָזען פֿאללען אין גאנצען דעם גרויסען פלאן פֿון באראָן הירש. איך האָב דעריבער געטאָן דאָס וואָס איך האָב געקאָנט, דיא אויפֿמערקזאמקייט פֿון פובליקום צו ציהען צו דער געפֿאהר, ווען אויף אמאָל—עהע! דער בילל אליין ווערט פֿארשוואונדען אין אַ צווייטע אויסגאבע, שפּרינגט ארויס איבערגעמאכט און פֿערריכט פֿון מר. לוסאדא. דער פֿערלאנג צו שפּענדען דאס געלד אויף וועלכען אַרט זיי געפֿעלט ווערט צו גרונד געוואָרפֿען, און דער אויסרייד וואָס ווערט צו פּארלאמענט אנגעגעבען פֿאר דעם פֿערלאנג פֿון אזא ביקל ווערט אויך אומגע־ביטען, דאָס איז שוין ניט מעהר וויל זיי קענען ניט שפּענדען דאָס געלד לויט דיא בעפֿאָלמעכטיגונג פֿון באראן הירש, נאָר וויל „עס איז נויטיג דאָס דיא קלאסען פֿון וועלכע עמיגראַנטען און קאָלאָניסטען ווערען גענומען דאַרפֿען פֿריהער דערצו געלערנט און פֿאָרבערייטעט ווערען". איך ווייס ניט וועלכער פֿון דיעזע ביידע אויסריידען איז דער ריכטיגער, איך ווייס נאָר אזוי פֿיעל דאס מר. לוסאדא איין אַדוואָקאַט און דאָס דער צווייטער אויסרייד איז דער קוניגסטער זאטץ וואָס איך האָב ווען געזעהען—דעם אמת צו פֿערדעקען דאָס איז ווירקליך אַזוי פֿיעל פערשפּיצט אַז דאָס האָט מיר אויך אַריינגענאַררט. דאס איז פונקט אזוי שאַרף וויא דער ביקל אַליין, וועלכער זוכט איינצורידען דאָס דיא אינסטיטוציאָנען, וועלכע

זאָלען אויסגעהאָלפֿען ווערען, בעצוועקען צוזופּאַסען דיא אידען צו עמיגרירען. דיא פֿראַגע איז דאָ איין איינפֿאַכע. בּאַראָן הירש האָט געהאלטען דאס דיא אידען דאַרפֿען „ארויסגענומען" ווערען פֿון דיא לענדער פון אונטערדריקונג. זיינע טראסטים גלויבען דאָס דיא אידען דאַרפֿען געהאַלטען ווערען „אין" דיא לענדער פֿון אונטער־דריקונג, און אויסגעבילדעט ווערען—וואַהרשיינליך זיי זאָלען זייערע ליידען פֿיהלען בעסער. דיא טראסטים גלויבען ערנסט אין בילדונג און אנדערע מיטלען וואס זיי שטעלען זיך פֿאָר אז דאָס וועט פֿיהרען צו דיא פֿערלייכטערונג פֿון דיא אידען אין דער היים און אוועקמאכען מיט דיא נייטיגקייט צו עמיגרירען אין אויסלאנד, אבער אנשטאט אפֿען אויס זאָגען.

## ניט עמיגראציאָן נאר פערלייכטערונג

עמיגראציאָן טויג ניט, דאָס האָט ניט געלונגען, נאמיר פראבירען פֿערלייכטערונג, וואס עס וואלט געוועזען אַ פֿערשטענדיגע פּאָזיציאָן אנצונעהמען, פרעטענדירען זיי דאס דיעזעביידע גענענ-געזעצטע האנדלונגען זיינען איינע און דיא זעלבע; דאס בילדונג איז ניט פֿיר פֿערלייכטערונג אויפֿין ארט נאר פֿיר עמיגראציאָן. און אזוי פֿאָבט ארום מר. לוסאדא זיין קונציגע פּראַזע וועגען בילדען דיא קלאסען פֿון וועלכע עמיגראַנטען און קאלאָניס־טען ווערען גענומען. אבער ווער זיינען דיזע קלאַסען? דאָס איז דיא אללגעמיינע בעפֿעלקערונג, דיא מאסען, און איהר קאנט אַלזאָ האבען סקולס פֿאר אַלעמען, איהר קאַנט צום ביישפיעל גאנץ רומעניען בעזאָרגען מיט אַ סקול סיסטעמע, און אויב אַ פּאָר פֿון אייערע שיללער זאָלען אמאָל עמיגרירען,—האט איהר זיי ניט פֿאָר־בערייטעט פֿאר עמיגראַציאָן? אַ מעהר פֿערדרעהטער פלפול איז נאָך קיין מאָל ניט ארויפֿגעוואָרפֿען געוואָרען אויף איין אונשולדיגער הויז אַף לאָרדס. מיידזאָר עוואַנס גאָרדאָן—וועלכער, ניט וויא דיא הירש טראַסטים האט געוואָלט זעהען זאַכען מיט זיינע אויגענע אויגען אום צו טאָן זיין פּפֿליכט אין דיא עליען קאָמיסיאָן—זאגט מיר, דאָס אין אללגעמיין גענומען, דיא וואָס ווערען פֿון דער יק"א געלערנט דיא עמיגרירען ניט, און דיא וואָס עמיגרירען—לערנען ניט אין דיא יק"א'ס סקולס. פֿיעל ארענטליכער וואָלט געוועזען צו

זאָגען אָפֿען: עמיגראַציאָן האָט ניט געלונגען, לאמיר פּרובירען פֿערלייכטערען דיא אידען אויפֿין אָרט. וואָלט דיא יק"א ווירקליך געגלויבט דאָס בילדונג פירט צו עמיגראַציאָן וואָלט זיא פֿערלאנגט ערלויבענים צו עפֿענען טעכנישע סקולס און מאָדעל פֿאַרמס, און דיא אידישע קאָלאָניעס וואָלטען געשפּייזט געוואָרען פֿון דיעזע אינ־סטיטוציאָנען, פּונקט וויא דיא נייווי פֿון דיא טריינינג שיפּס, און וויא דיא פּראָווינצען ווערען בעזארגט מיט דזואיש־קאָלעדזש רבנים; אַ דירעקטע ליין וואָלט דאן געווען צווישען בילדונג און עמיגראצ־יאָן. אבער ניין. דיא יק"א דארף צוערשט בעשטעטיגען איהרע ניט געזעצליבע ביינק אינדוסטריען און פֿעקטאָריעס. און אזוי ווערען זיי אללע אַריינגעשטופּט צוזאמען אלס זאבען וואס פּאסען צו דיא אידישע עמיגראציאָן. וויא אזוי אַ קרעדיט־באנק לערנט אויס דיא אידען צו עמיגרירען—וויים איך ניט, סיידען דאס גיט זיי אַ וואונק צו אנטלויפען מיט דיא געליהענע געלד. אינדוסטריען און פֿעקטאָריעס העלפֿען געוויס גיבער אידען צו האַלטען אויפֿין אָרט ווידע־ צו עמיגרירען. מאָדעל לאדזינג הייזער זיינען אויך ניט אַזעלכע זיבערע מיטלען צו בעשאפֿען עמיגראציאָן; אַרטיפֿיציעלע בלומען פֿעק־טאָריעס גיבען געוויס ניט ארויס אמתע גערטנער. דאס וועט נעהמען אלע מר. לוסאדא'ס שפּיצלאך ארייגצובריינגען אלע 193 אינסטיטוציאָנען אונטער דעם יעצטיגען בילל, אויב זאגזאר ער שלעפּט איהם דורך פּאַרלאַמענט. אזוי וועט אויך ניט מר. וויינבערג, דער וואנדערנדער מלאך פֿון דיא יק"א, קענען פֿליהען איבער דער וועלט זובען וועמען צו בענשען. אויב אבער דיא יק"א מיינט ווירקליך אָרענטליך אין דיא ווערטער „פֿון בילדונג צו עמיגראציאן", דאן איז

## דער בילל אין גאנצען איבעריג,

ווייל קיינער וועט ניט לייקענען דאס דער צופּאסען דיא קאָלאָנים־טען צו עמיגראַציאָן קומט אריין אין דער פּאָגראם פֿון אַ קאָלאָ־ניזאציאָנס געזעללשאפֿט. אנשטאט איך זאָל דאס לייקענען האָב איך שטענדיג געזאָגט דאס באראָן הירש'ס גרויסער אירטהום איז געווען צו נעהמען זיינע קאָלאָניסטען רוי, ניט געלערנט צו לאנד־ארבייט. און דאריבער, אויב דיא יק"א'ס אינסטיטוציאנען וואָלטען

ווירקליך געווען זאכען וואס פאסען צו קאָלאָניסטען צו עמיגרירען
בין איך זיכער דאס סיר עדוארד פריי וואלט זיי קיין מאָל ניט
ערקלערט פאר אונגעזעצליך. ווייל די אָריגינעלע מעמאָראנדום
ערלויבט אויסדריקליך דיא בילדונג פון עמיגראציאנס אגענטורס
בעצאהלטע קאמפאנעס א.ז.וו. אזעלכע וואס גיבען זיך אב מיט
לערנען דיא עמיגראנטען. דיעזע אינסטיטוציאנען וואלטען גע־
פיהרט דירעקט פון בילדונג צו עמיגראציאן. אבער וואס סיר
עדוארד פריי האט ערקלערט פאר אונגעזעצליך, זיינען אזעלכע
וואס האבען מיט עמיגראציאן ניט צו טאן, און דעריבער דער
נייער ביללה, אדער ער איז איבעריג, אדער דאס איז אַ שווינדעל,
און אויב דאס געהט זאגאר דורך פארלאמענט וועט עס דאך
איבערלאזען דיא יק"א'ס אונטערנעהמונגען אונגעזעצליך.

## אזוי פיעל פאר מר. לוסאדאס שפיציגער קעפ'ל.

איך בין נאך אבער מיט'ן ביללה ניט פערטיג. ווייל דיא צווייטע
אויסגאבע האט נאָך אַ וויכטיגערע ענדערונג. איהר ווייסט דאס
צוויי מילליאָן פון דאס געלד איז דער אריגענעלער קאפיטאל פון
דער אסאָסיאיישאָן, און דאס זיעבען מילליאָן איז נאכהער צוגעגעבען
געווארען דורך אַ טראסט דיעד. מר. לוסאדא'ס ערשטער ביללה האט
פערדעקט דיעזעביידע סומען און ביידע דאָקומענטען. אין צווייטע
עדישאן אבער איז דיא זיבען מילליאָן פון טראסט־דיעד אין גאנצען
ארויסגעווארפען. און מר. לוסאדא ערקלערט גאנץ אָפען צו דיא
אנגלא דשואיש אסאָסיאיישאן, דאס מיט דיא זיבען מילליאן—וואס
איז איבערגעלאזען געווארען אויסדריקליך פאר דיא רוסישע אידען—
קענען זיי טאָן וואס זיי ווילען, און דאס אלס פאקט, דיא גאנצע
אבזיכט פון ביללה איז נאר זיי צו געבען די מעגליכקייט צו פערווענ־
דען דיא צוויי מילליאן פונקט וויא זיי זיינען שוין בערעכטיגט דיא
זיעבען מילליאן צו פערווענדען. אבער אט דא האט מר. לוסאדא
ווידער איין אירטהום. איך האב געקראגען דעם דיעד אָף טראסט,
און אבוואהל דארטען שטעהט ווירקליך אז דיא זיעבען מילליאן
דארף בענוצט ווערען צו העלפען דיא רוסישע אידען, גיט עס צו
דיא ווערטער „און הויפטזעכליך צו העלפען דיא רוסישע
אידען, צו עמיגרירען". מר. לוסאדא לייגט דעם אקצענט אויף

העלפען; איך לייג דעם אקצענט דארטען וואו זיין ארט איז: אויף דעםווארט הויפטזעכליך.

## וואס מיינט „הויפטזעכליך"?

הויפטזעכליך—מיינט גיט אַ העלפט אדער דריי פון די זיעבען, דאס מוז מיינען צום וועניגסטענס וועלכע פינף פון די זיעבען. סיידען דעריבער אז מר. לוסאדא קען בעווייזען דאס פינף זיבענטעל פון די איינקינפטע ווערט פערוועגדעט פאר די עמיגראציאן פון די רוסישע אידען—און איך וויים גענוג פון באלאנס שיט צו זיין איבערצייגט אז ער קען אזא זאך ניט דערווייזען—זאל ער בעסער גיך דיזע אוועקגעווארפענע שטיק פון ביל צוריק אריינ־שטעלען און מאכען אַ דריטע אויסגאבע. די ערקלערונג וואס ווערט געמאכט אין די ערשטע קען ניט אוועקגעווארפען ווערען אין די צווייטע און מוז אריינגעשטעלט ווערען אין די דריטע אבער וואס רייד איך? אין די פיערטע אויסגאבע האב איך גערארפט זאגען. ווייל אַ דריטע איז שוין דאָ מיט די ווערטער „אויסער אייראפּאַ" אריינגעגעבען ניט צו צולאָזען עמיגראַנטען אהער צו קומען, דיזער צוזאץ געגען וועלכען בעקאנטע פילאנט־ראפען וויא מר. הערמאַן לאנדא און מר. מאקאטא האבען פראטעסטירט אוים גרוים הערציגע גרינדע, איז די איינציגע זאך וואָס רעפרעזענ־טירט ריכטיג באַראָן הירש'ס פערלאַנג, אין דעם אַריינשטעלען דאס אין די יק"א ביל איז

## יק"א'ס גרעסטע איראניע.

באַראָן הירש איז געווען אזוי אנגסטיג אַרויסצונעהמען די אונטער־דריקטע אידען פון אייראָפּאַ דאס ער האָט ניט געוואָלט ערלויבען אַרויסצונעהמען זיי פון איין ארט און בעזעצען אין צווייטען. זיינע טראַסטים פאָלגען איהם פינקטליך: זיי נעהמען ניט ארויס די אידען פון איין טהייל אייראָפּאַ נאכ'ן צווייטען—זיי נעהמען זיי אין ערגעץ ניט ארויס, זיי לאָזען זיי נאר איבער אין אייראָפּאַ דאס ערמיגערט די געשיכטע פון די נאר וואס אנגעקומענע קריסטליכע דיענסט מיידעל וואָס די אידישע בעלהבית'טע האט איהר אנגעזאָגט זיא זאָל אכטונג געבען און ניט אויסקאכען די הוהן אין מילכיגען,

ווען מען האט געגרייט צום טיש האט זיך קיין הוהן ניט געוויזען. „וואו איז דיא הוהן?" האט דיא מיסעס געפרעגט. „זיא איז רוי, איהר האט מיר אנגעזאגט ניט צו קאכען אין מילכיגען." און אַזוי האט זיא דאס אין קיין זאך ניט געקאכט. דא איז אבער נאך איין ערגערע זאַך, וויל וויא דער פאראַגראַף שטעהט יעצט בעט דיא יק"א ערלויבנים צו שטיצען סקולס, גרינדען פאַרמס, קרעדיט באַנקען און פעקטאריעס א.ז.וו. וועלכע זאלען פארבערייטען דיא אידען צו עמיגרירען און זיך בעזעצען אין ערטער אויסער אייראָפּאַ. וויא אַזוי קען אבער איין אינסטיטוציאָן אייך פאָרבערייטען זיך בעזעצען אין ערטער אויסער אייראָפּאַ? אויב איהר זייט פאַסענד פאר אַ פאַרם אָדער אַרבייט אין קאַנאַדאַ זייט איהר אויך פאַסענד פאַר אַ פאַרם אָדער אַרבייט אין ענגלאנד. דאס איז פונקט ווי צו ריידען פון אַ טריינינג שיפ וואָס לערנט אויס מאַטראָזען צו דיענען אויף אירגענד וועלכע שיף אויסער ענגלישע; אדער אַ סקול וואס לערנט אויס

# קאכען היהנער אויסער איז מילך.

איהר דאַרפט ניט פערגעסען אז דאס איז ניט אַ פאראַגראַף וועגען עמיגראַציאָנען נאר וועגען בילדונג, און אַזוי וויא דיא בעהויפּטונג דאס דיא בילדונג פיהרט צו עמיגראַציאָן איז ניט מעהר וויא אַ שווינדעל, און אזוי וויא אַ שווינדעל רעכענט זיך שטענדיג אב מיט דיא וואָס בענוצען זיך מיט איהם—האבען מיר דיעזען וואונדער־באַרען רעזולטאַט, דאס יעדער איד וואָס האָט אַטענדעט דיא יק"א סקולס אין רוסלאנד, רומעניען. אדער גאליציען אָדער האט גע־אַרבייט אין דיא פעקטאָריעס, אָדער געליהען געלד פון דיא קרעדיט בייגק. האָט געארבייט ביי דיא אַרטיפּיציעלע בלומען. אדער האט געוואהנט אין דיא מאדעל לאָדזינג הייזער, אדער געשנארט פון מר. וויינבערג—איז פיר אימער אויסגעשלאסען זיך צו בעזעצען אין אירגענד וועלכען טהייל פון אייראָפּאַ, וויל ער איז לויט דיא ווער־טער פון ביל פּאָרבערייטעט געוואָרען צו עמיגראַציאָן דורך דיא הירש מיליאָנען. אויב דעריבער איינער פון דיעזע לייט, איבער וועמעס בעוועגונג דיא יק"א האט ניט דיא מינדעסטע אויפזיכט, זאל ווען עס איז געפונען ווערען דא, וועלען דיא מראסטים קומען

אונטער דיא קלאגע פון ברעכען דיא ענגלישע געזעצע. ווירקליך מר. לוסאדא וואָלט פיעל בעסער געטאָן ווען ער וואלט דיא גאנצע זאך צו רוה געלאסט. דיא אלטע מעמאָראנדום און דיעד אָף טראסט אָבוואהל דאס איז צוזאמען געשטעלט אזוי שלעכט וויא דער נייער בילל ענטהאלט דאך אלעס וואס זייא האבין נייטיג ניט נאר צו עמיגראציאָן נאר אויך צום ציוניזם. און דאך ווען איך האב בעמערקט אז

## דיא מילליאָנען זאלען צום ציוניזם בענוצט ווערען.

האט מיר מר. לוסיאן וואלף אנגעקלאגט אין טרייבען א געמיינע און נידעריגע מאַנעוורע. נון, לאָמיר זעהען באראן הירש האט איבער־געלאָזען צוויי מילליאן בלויז פאַר עמיגראַציאָן און זיעבען מילליאן הויפטזעכליך פאר עמיגראציאָן. אָבער דערפאַר וואָס דיא קאָלאָניעס אין ארגענטינא און קאַנאדא האבען זיך ניט איינגעגעבען איז דאס איין אורזאכע צו פערצווייפלען און אוועקלייגען דיא הענד? וויא זאָגט איהר דיא הענט אוועקלייגען ביז איהר האט פרובירט דיא לאנד וועלכע דעם אידענס הארץ איז גענייגט? אָבער האט פיעלייכט באַראָן הירש פאלעסטינא אויסגעשלאסען? דורך אוים ניט. ער האט בלויז אייראָפאַ אויסגעשלאסען און פאַלעסטינא איז ניט אייראָפאַ (וועניגסטענס דערווייל). מר. לוסיאן וואָלף זאָגט דאס ער האט אונז ציוניסטען בעוואונדערט בעפאָר מיר האָבען אנגעפאנגען צוריידען וועגען געלד, אבער ווען איז דאס געוועזן? איז דענן ניט געוועזן אונזער ערשטע אידעע צו גרינדען דיא אידעשע קאָלאָניאַל טראַסט? מען זאָגט אויך דאס מיר האבען אנגעפאַנגען אלס אידעאליסטען און מיר האָבען זיך גיענדיגט אין אנגרייפען דיא דיא מילליאָנערען, אבער פאַרוואָס גרייפען מיר זיי אן? דאס איז דערפאר וואס זיי גיעבען אונז ניט זייערע מילליאָנען. אין געלט איז קיין זאך ניטאָ וואָס זאָל זיין געגען אידעאַל. געלד איז ניט מעהר וויא אַ ווערקצייג אין אידעאל צו גרייכען. אין פערלאנגען געלד בעטען מיר ניט צו קויפען דערפאר שאמפאניער וויין אדער דינגען אַ באָקס אין דיא אָפעראַ; מיר פערלאנגען געלד צו קויפען אַ סאָכע צו אקערען, פאַר אַ ראָד צו—שטיפען. איך האָב געזאָגט:

„געלד, מוסקעלן, און מאָראַל״, און איך האַלט זיך דערביי. גיט אונז געלד מיר זאָלען ענטוויקלען אונזערע מוסקעלן און פּעררינכטען אונזערע מאָראַלען. אַז איך וואלט עס געשטעלט פּער־קעהרט „מאָראַל מוסקעלן און געלד״. וויא מיינע קריטיקער פּעדלאנ־גען, וואָלט דאָס אויסגעזעהען דאָס מאָראַל און מוסקלען זיינען ניט מעהר וויא מיטלען צו מאַכען געלד. ניין, געלד איז ניט מעהר וויא דער אנפאַנג פֿון אונזער בעוועגונג, דיא ענדע איז אבער— מאָראַל צו זאגען דאס מיר הערען אויף צו זיין אידעאַליסטען ווייל, פונקט וויא לאנדאנער האָספּיטעלער קענען מיר אונזער אַרבייט ניט אנפּיהרען אָהן געלד, איז ניט מעהר וויא קינדערישער אונזין. דיא אידען האָבען געליטען גענוג דערפאר וואָס דיא קריסטען האָבען געבאָרגט אונזער געלד און האבען אונז פּערהאסט דערפֿאַר וואָס מיר האָבען זיי געליהען אבער ווען אידען אליין פאנגען אן צו האַנדלען וועגען געלד

# איז דאס משיח׳ס צייטען

דיא הירש טראסטים זיינען גוטע מענשען, און זיינען פונקט אַזוי אַנגסטיג וויא איך צו פּערברויכען דאס געלד פֿאָר דיא בעסטע אידישע נוצען. דיא אידעע אַז איך וויל זיי איינשרעקען אָדער איבער שרייען זיי זאָלין העלפען ציוניזם איז לעכערליך; אויב איך קען זיי איבערווייזען וועגען זייער פפליכט בין איך איבערצייגט אז זיי וועלען דאס טאָן, ווי עס פאסט פיר עהרענהאַפטע מענער. ערלויבט מיר אַלזא פארצולייגען פאר אייך און פאַר זיי דיא אורזאַכען פארוואס זיי קענען זיך ניט ענטזאגען פון צו העלפען אונז.

מיר מוזען געהען צוריק צום יאהר 1891. אין דעם יאהר איז דיא אויפמערקזאמקייט פון דער גאנצער וועלט צוגעצויגען געווארען צו דעם נייעם משה וואָס האָט זיך בעוויזען דיא אידען פֿון דיא לענדער פֿון גלות אַרויסצופיהרען. מען זאָגט דאס דיא בעסטע געשיכטע פֿון דיא מאָדערנע ענגלאנד איז צו געפינען אין דיא בילדער און צייכענונגען פֿון דעם הומאָריסטישען זשורנאַל „פאנטש״. און איין אוסצוג פֿון דיעזען קאָמישען זשורנאַל קען אייך דעריבער אַ ריכטיגערען איינדרוק פֿון דעם וואָס מענשען האָבען

געפֿיהלט וועגען הירשעס פלענער ווידער אַ פּאַק געדיכטע צייטונגס ארטיקלען. אין דיעזער קאמישער צייטונג, דאַטירט 26טען סעפּ־טעמבער 1891. איז געווען אַ קאַרטון וועלכע רעפּרעזענטירט דעם עלעגאנט פֿערפוצטען באַראָן וויא ער פֿיהרט אַ מחנה איינגעבויגענע רוסישע אידען צו דיא פֿערשפּראכענע לאנד אונטער דעם בילד זיינען געווען דיא פֿאָלגענדע פֿערזען געשריבען פֿון אַ קריסטליכען פּראָפֿעסאָר פֿון געשיכטע אין קעמברידז, אונטער דער אויפֿשריפֿט:

## דער מאָדערנער משה.

דער רייכער משה, דער נייער ערלעזער,
פֿיהרט אַוועק דיא אידישע נעזער,
פֿון דעם רוס'שען פּרעה'ס האַנד,
פֿאָרווערטס צו'ר פֿערשפּראבענער לאַנד!

ניט דורך מכות, ניט דורך וואונדער
האָט ער זיי בעפֿרייט אצונדער
דער בעפֿרייאונגס־שטעקען—וואונדערבאַר!—
דאס איז די מאַכט פֿון דעם דאללאר.

פֿון דיא שטעדטלעך געלד־פֿערלייהער
וועלען יוערען אַקער־בויער,
און מיט דעם שוויס אף זייער שטערן
פֿון ניו-דשערזי'ס באָדען זיך ערנעהרען.

עס וועט אויך צוואַר ניט הירש'ס פֿערמעגען
מילך און האניג ארויסקריגען
פֿון דעם מוסקיטען־פֿולען זאַמד
אין ניו־דשערזי'ס פערשפראָכנער לאנד.

דאָך עס קען דורך מיה' געלינגען
דיעזע ישועה צו פֿאָללבריינגען
פֿון דעם פּאָלנישען יוד' דעם שוואַבען
אַ שטאָלצען, טאַפּפֿערן מאַנן צו מאַכען.

עס מעגען פֿרומע קריסטען בעטען
פֿאַר דעם וואָס זוכט זיין פאָלק צו רעטען
אוים דער קנעכטשאפט פון דעם צאר;—
זאָל ער זיין געבענטשט דערפאר.

דריי זאכען זיינען דא צו בעמערקען: דער פלאן איז עמיגראַצ־יאָן; דיא עמיגראציאָן איז פֿון רוסלאַנד; און דיא ירושלים—איז ניו-דשערזי אָבער דער פאָעט האָט ריכטיג פראָפֿעצייעט. אַ מאָנאַט בעפֿאר ער האַט די פֿערזען געשריבען איז די וואודביין קאָלאָניע אין ניו-דשערזי געגרינדעט געוואָרען. היינט, מיט 12 יאהר שפעטער האָט דיא קאָלאָניע טויזענט זעעלען מענער, פֿרויען און קינדער. דאָ וויא אַנדערש וואו האָט דער באַרג אַ מויז געבאָרען. אָבער איז דיא בילד ריכטיג ? האָט דער באַראָן געטרוימט וועגען אַזאַ גרויסע וואַנדערונג ? האָט ער געוואלט זיין דער מאָדערנער משה ? ווי איהר ווייסט האָט דער באַראָן זיך ניט ארויסגעדרעהט פון די הענד פֿון אינטערוויוער. אָבער קענען מיר דעם אינטערוויוער גלייבען?— בלויז ווען די אינטערוויו איז מיט אַ זיבערען מאַנן. דאס איז גליקליך אז

# דעם באראן האט לוסיאן וואלף אונטערוויועד.

און דאס איז וואס מר. לוסיאָן וואָלף האט דער וועלט דערצעהלט דורך דיא „דיילי גראפיק", אן 7-טען דזוליי 1894, ווען דיא אר־גאנטינער קאָלאָניעס זיינען שוין געווען רעכט אין ארבייט צייט אַ יאהר דריי, מר. לוסיאן וואולף גיט זיין אינטערוויו דיא אויפשריפט „דער נייער משה" ער דערצעהלט וויא ער האט דעם באַראָן גע־פונען זעהר אויפֿגעלייגט און פֿרייליך אין זיין הויז אין פיקאדילי. די הויפט שוועריגקייט איז געווען איבערגעקומען, אבוואהל זיי זיינען געווען גרעסער וויא מען האָט פֿאָראוים ערווארטעט. „מיינע הענד זיינען געווען געצוואונגען דורך דיא פלעצליכקייט פֿון דיא רוסישע פֿערפֿאָלגונגען". האט דער באראן ערקלערט דערצעהלענדיג וויא אזוי זיי האבען געמוסט אנפֿאנגען אויף לאנד וואו מען האט גע־דארפֿט גראבען 25 יארד טיעף ביז מען האט געפֿונען וואסער. „עס איז יעצט דאָ אַרוסישע קאָמיטע וואס קלויבט אוים פֿאמיליעס פֿאר

אונז." ער האט דערצעהלט דאס ער האט 3000 פערזאן צושפרייט אין זיבען קאָלאָניען און האט ווייטער פּארטגעזעצט „איהר דארפט גע־דענקען דאָס מיט דעם גאַנצען ערפאָלג וואס איך האב געהאַט בין איך דערוויילע ניט מעהר וויא ביי דעם אנפאנג פון מיין אונטערנעה־מונג. דיא לאנד וואָס איך האב קען אויפנעהמען נאך וועלכע פינפ־צעהן טויזענד פערזאָן. אבער וואָס איז דאס ? אַ הייפעל. איך מוז האבען א גרעסערען שטח לאנד. אַספּעציעלע קאמיטע וועט קירצליך אַוועקגעשיקט ווערען צו שטודירען אפלאן פון קאָלאָניזאציע אויף א גרויסען שטייגער און צו קויפין צום ווענינגסטען דריי אדער פיער מיללויאן אקער לאנד. אונטערדעסען וועל איך זעהן יעהרליך ארוים־צושיקען וועלכע פיער אדער 5 טויזענד מאנן. אין צוויי יאהר ארום האף איך איינצולאדען דיא הויפט רעפרעזענטירטע פון דיא איי־ראפּעאישע און אמעריקאנישע צייטונגען

## צו זעהען דיא קאלאניעם

און זיך איבערצייגען אליין אויב דיא אידען זיינען ניט פאסענד צו בעסערע זאכען וויא האנדעל".

עס זעהט אוים דאס מר. וואלף האט זיך דערשראקען פאר דיעזען גרויסען פלאן, ביי איהם אין הארצען איז נאך געלעגען דיא צווייטע האָפענונג פון פערבעסערען דעם צושטאנד פון דיא רוסי־שע אידען אויף זייער אָרט. „איז דאָ אַ האפענונג פאר ליכטיגערע טעג פאר דיא אידען אין רוסלאנד?" האָט ער געפרעגט. „קיין האָפענונג ניטאָ, ווענינגסטענס פאר א גאַנץ לאנגער צייט"—איז געוועזען דעם באראָנס ענטפער—„דיא פערפאלגונגען זיינען איינ־געווארצעלט אין דעם יעצטיגען צושטאנד פון רוסלאנד. ווען אבער מיין פלאן לאזט זיך אוים איין ערפאָלג, וועט רוסלאנד פלאמען דאס געזיכט פאר שאנדע. א צייט וועט קומען ווען איך וועל האָבען פון דריי ביז פיער הונדערט טויזענד אידען בעזעצט אויף זייער לאנד אין ארגענטינא פריעדליכע און געאכטעטע בירגער, א קוועלע פון רייכטהום פאר דאס לאנד, מיר וועלען דאנן קענען אנצייגען מיט דעם פינגער אויף דעם אונטערשייד צווישען זיי און זייערע ברידער וועלכע ווערען דעמאָראַליזירט פון דיא פערפאָלגונגען, וואָס וועלען

דיא אַנטיכעמיטען דערצו זאגען ? איך בין בעשלאָסען ניט אָבצוזשטעללען זיך אין מיטען פֿון דיעזער אַרבייט, אויב מיין ענערגיע אָדער מיין גליק קאָן דאָס אויספיהרען, גלויבט מיר דאָס דיא גאַנצע אידישע בעפעלקערונג פֿון רוסלאנד

## וועט פֿון לאנד ארויסגענומען ווערען"

אין צוויי יאהר צייט אָבער, אַנשטאט דעם גרויסען פרעס וויזיט צו דיא אידישע קאָלאָניעס—האָט דיא פרעס געהאט צו רעפּאָרטירען באַראָן הירשעס טויט, און אויך זיין פלאן וואָס איז מיט איהם געשטאָרבען און בעגראבען געוואָרען.

דיא ערשטע זאך וואָס די טראַסטים האָבען געטאָן—זאָגט מר. לוסאדא—איז געווען אבצוהאלטען דיא עמיגראציאָן נאך ארגענטינאַ, דאָ זיינען געווען 3000 זעלען אין 1894 ; אין 1903 זיינען ניט מעהר דא וויא 4274

אָבער פֿיליכט איז דיא בעסטע אינטערוויו ניט גענוגענד אַלס געריכטליכע עדות, איז דא פֿיליכט אַ סטייטמענט אונטערצייכענט פון באַראָנס אייגענע האַנד ? איך האָב דאָס אייך אויסגעפֿונען. דאָס איז געדרוקט געוואָרען אין דיאַ „נאָרטה אמעריקאן רעוויו" מיט דריי מאָנאט בעפֿאָר דיא קאָמישע פֿערזען זיינען ערשינען אין דיא „פאנטש". אין דעם ארטיקעל ערקלערט באַראָן הירש זיין אבזיכט און שרייבט פֿאָלגענדעס : „דאס איז מיין טיפסטע איבערצייגונג דאס איך מוז זיך בעטראכטען נאר אלעס דער אדמיניסטראטאָר איוף אַ ווילע איבער דעם רייכטהום וואס איך האב צוזאָמען געקליבען . . . . . איך בין שטארק געגען דיא אלטע סיסטעמע פֿון וואָרפען צדקה וואָס פראָדוצירט בלויז בעטלער... מיין העכסטער אידעאל איז צוריק אויפלעבען דיא אידען וואָס זיינען אונטערדריקט פֿאַר טויזענדע יאָהרען לאנג, וועלכע ווערען דערטרונקען אין עלענד און הונגער".

## דאס איז געווען דעם באראנס העכסטער צוועק.

אונגליקליכערווייזע האט ער ניט געוואוסט וויא דאס צושטאנד צו ברייננגען, ער האט ניט געהאַט דיא פאליטישע געניע, אויסצופיהרען זיין וואונש. ער איז געווען אַ גוטער מאַנן, ער האט

פעשטאנען וויא אזוי צו פּלאנען רעלוויים — אבער אַ וועג וואס זאָלל פיהרען צוריק זיין פאָלק צו ווידערגעבורט דאס האט ער ניט גע-וואוסט וויא צו מאכען. ער האט געוואלט זיי זאלין זיך צוריק נעהמען צו אַגריקולטור. אומקעהרען אַ צו אונגעדולדיגע ראסע צו לאנגזאמע און געדולדיגע פּראָצעסען פון דער נאטור. אָבער צום בעדויערען איז ער אליין געווען אַ קינד פון דער גהעטאָ, ניין ער איז געווען דער גרעסטער טרוימער וואס די גהעטאָ האָט פאר דורות לאַנג געהאט. איינער פון זיינע חלומות איז געווען דאס ער קען מיט איין קלאפּ ארויס נעהמען דיא אידען פון דיא ענגע גהעטאָס, אוועקוואַרפען זיי אין איינזאמע פאַרמס, אין דיא ענדע פון דער וועלט און זיי זאלען אויף אַמאָל ווערען גוטע קאלאניסטען. און דאך, וויא זאנדערבאַר דאס איז אַז ער האָט ניט איינגעזהען אַז פּאלעסטינע איז דיא איינציגע לאנד וואס קען דיא אידען צוציהען, ווייל אין דעם זעלבען ארטיקעל זוכענדיג איינצוווייזען אַז אידען זיינען צו לאנד אַרבייט פעהיג ציינט ער אן אויף דיא אַמאָליגע אידען אין פּאַלעסטינאַ וואס זיינען געווען אויסגעצייכענטע לאנד־ארבייטער, אז זיי האבען זיך געזאָרגט פאַר זייערע פעלדער

## אזוי לאנג וויא זיי זיינען געווען פּאליטיש פריי.

זיי האָבען געטריבען זייערע שטאַדעס און זיינען געווען פעהיגע אַרבייטער. אָבער טראץ זיין שיר ניט אַרויפפאַלען אויף דיא ריכטיגע לעזונג פון דער אידישער פראגע: „איין עפענטליך רעכטליך געזיכערטע היימאטה אין פאלעסטינא” האָבען פיעלע זאכען זיינע אויגען פערבלענדעט ער זאל דיא ווארהייט ניט ארויסזעהען. זיינע אייגענע עקספערימענטען אין אַרגענטינא קומען ניט דורך אויסקלייבען, נאר דורך אַ בלייזען צופּאַלל. ער האט געהאַט איבערגענומען מאַנכע שטר מכירה'ס פון לאַנד אין אַרגענטינא וועלכע זיינען געווען צוזאמען מיט אנדערע ארטיקלען אין דיא מוריעטא באַנקראָט, ער האט דארטען אלעס בעזאָרגט פאַר קאָלאָניעס. ער האט אבער ניט אנגעפאנגען צו דענקען וועגען מארקעטס, און אָנשטאט צו היטען זיך ניט צו פערבעטלערען דיא אימיגראנטען. אנשטאט צו ברייננען זייערע פהיזישע און מאָראלישע ווידער־געבורט, זיינען

דיא ערשטע שריט געמאכט געווארען אויף אַ שלעכטען אַרט. איהר דאַרפט נאר הערען ריעזען מאנןריידען צו מר. לוסיאן וואלף און איהר קענט פערשטעהען וויא אונמעגליך ערפאָלג איז דא. יעדע גרופע פון פונפציג פאמיליען בעזארגט מיט א רעבי'ן און אַ דאקטאר בילדעט אַ געמיינדע פאר זיך אליין. ביין אראבגעהען פון שיף ווערט יעדע פאַמיליע אוועקגעפיהרט נאך איהר הויז וועלכע איז פערטיג אין יעדען פונקט מיט זעקס ארער אכט אָקסען אין שטאַל, צוויי סאבעס און צוויי וועגען אין שייער און וועלכע 190 אקער לאַנד אבגעריינינגט און געגרייט פאר זיי.

## האט איהר ווען געהערט פון אזא מערכעז געשיכטע

אַ סך פון דיא אידען זיינען אראבגעקומען פון דיא קעלערען פון דיא רוסישע סלאַמס אין א שיף וואס זיי האבען אין זייער לעבען ניט געזעהען. זיי זיינען געפאהרען איבער איין אונענדליכען ים, און ווערען אראבגעווארפען אין אַ מאגישען פאַלאַטס פערטיג מיט אלע ברעקעלאך. אלע בעטען געבעט, דיא טישען געגרייט, דיא זייגערס געהען; מען ווייסט זיי דיא שטאלען וואו זיי זעהען שרעק־ליכע חיות מיט גרויסע הערנער וואָס מען זאָגט זיי דאָס זיינען אָקסען; ארום דעם שפרייטען זיך אוים לאנקעס און פעלדער וואס מען זאגט זיי אז דאס איז זייערע. דאס איז זעהר ריהרענד, דאס זעהט אוים וויא א געשיכטע פון טויזענט און איין נאכט, און דער באַראָן—אַלס דער גוטער מלאך. אָבער דאס איז נאך ניט אין גאנצען. דיא בעסטע שטיקל קומט ווייטער. „אזוי פאָלקאָם איז דיא אַריינדזמענטס—זאגט דער באַראָן—דאס אויף מארגען וויא דיא קאָלאָניסטען קומען אן געהען זיי אוועק צו דער אַרבייט". זיי האָבען נאך ניט אויפגעהערט צו רייבען דיא אויגען פאר גרויס וואונדער—און זיי ארבייטען שוין אויף זייער אייגענע לאנד. אבער צום בע־דויערען, אַזאַ וואונדערבאַרע מעכאַניזם קען פון אנפאַנג אן ניט אַרבייטען. דער באַראָן האָט ניט פערשטאנען דאַס לאַנד ארבייטער קענען ניט באשאפען ווערען וויא שפיעל־צייג אין אַ פעקטאריע עס איז אָבער מעגליך דאָס דיא ריכטיגע אורזאכע פון זיין אונגע־לונגענהייט איז וואס

## ער האט געארבייט אליין

דער איד האָט ניט געוואלט געהן נאָך ארגענטינאַ, און קיינער אויסער דעם באראָן האָט איהם דאָרטען ניט געוואלט זעהען, און דער באראָן איז געווען געצוואונגען צו טאָן אלעס אליין. „מיין הויפט שוועריגקייט—האָט ער ערקלערט צו מר. לוסיאן וואלף— איז געווען די גאנצע צייט צו געפינען פעהיגע העלפער. די אָרעמע אידען וועלען אלעס טאָן פאר מיר, די מיטעל־קלאס איז צופרידען און שלעפעריג, און די רייכע, אה די רייכע! ווען אַ איד ווערט רייך איז ער ניט לענגער אַ איד". דער באראָן פעררעכט דיפלאָמאטיש זיין בעמערקונג צוליעגענדיג „אויסער אין ענגלאנד". אַבער דאָ נאך אַמאָל זעהט איהר וויא ער האָט זיך ניט ווילענדיג שיער אנגעשטויסען אויף די געהיימנים פון ציוניזם: פערבינדונג מיט אנדערע.

עס איז אונמעגליך צו געפינען אירגענד וואו אין דעם באראָנס ווערטער אַ רעכטפערטיגונג פאר די יק"א'ס פעקטאריעס, קרעדיט בענק א.ז.וו. דיעזע אינסטיטוציאָנען מעגען ווירקליך בעשאפען ווערען, אָבער ניט אין די לענדער פון אונטערדריקונג, נאר אין אידישע קאָלאָניעס. ווירקליך דער באַראָן אין זיין אייגענעם ארטי־קעל ווייזט איין דאס ער האָט שוין געגרינדעט סקולס אין גאליציען און אין דעם אריענט, אָבער זיין יעצטיגער פלאן איז אויף אַ פיעל גרעסערען מאַס־שטאַב און אין גאַנצען אַנדערש פון די וואָס זיינען פריהער אנגענומען געוואָרען.

די טראַסטים זיינען בערעכטיגט איין אויסרייד צו געפינען אין דעם באַראָנס שלעכטען אנפאַנג. און אין אַ מעמאָראנדום וואָס לעזט זיך אזוי וויא דאס וואלט געווען ניט נאר געשריבען דורך לויערס נאר פיר לויערס; זיי זיינען אין גאנצען בערעכטיגט צו גרינדען אינסטיטוציאָנען זאָגאַר אין רוסלאנד און גאַליציען, וואס פיהרען דירעקט צו עמיגראציאן. אבער ארויסצוואַרפען אין גאנצען עמיגראציאן צוליעב פערלייכטרונג אויפ'ן אָרט—דאס קענען זיי ניט טהון. איך געפין דאס דער באראָן ווידערשפרעכט זיין אייגענע מע־מאָראַנדום ריידענדיג אין זיין ארטיקעל פון 1891 אזוי וויא זיין

מעטהאָדע איז נאר פאַר דיא וואס ווערען אויסגעוויעזען פון זייער לאנד. אבער אויב אזוי וואס פאַר אַ היים האט דיא יק"א פאַר־בערייטעט פאַר דיא אויסגעוויעזענע ? וואס פאַר אַ היים האָבען זיי אנגעגרייט פאַר דיא נאר וואס אויסגעוויעזענע פון רומעניען ? ניט זאָגאַר ארגענטינאַ אליין. אָבוואָהל מאנכע אונגליקליכע זיינען אהין געלאָפען גלויבענדיג אז דאס איז אַ צופלוכטס־ארט פאר זיי לאמיך פאַרלעזען פאַר אייך איין אויסצוג איבערזעצט פון די שפּאנישע צייטונג „El Pays" וואס ערשיינט אין ארגענטינא. אין דעם 8טען סעפטעמבער 1902 שרייבט דיעזע צייטונג פאָלגענדעס:—

„דיא ענגשאַפט אין דעם אימיגראנטען האָטעל, פערורזאכט דורך דיא אידישע פאַמיליען וואס זיינען אנגעקומען אין דיא אמבריא און דיא 50 רומענער וואס זיינען געקומען מיט דריי טעג צוריק אלע פון זיי געפינענדיג זיך אהן אַרבייט, מאַכט עס נויטיג דאס דיא רעגירונג זאל דא וואָס טהון, דיא אידישע קאָלאָניזאציאָנס גע־זעלשאַפט, אַ פילאַנטראָפישע אונטערנעהמונג וואס דער פערשטאָר־בענער באראן הירש האט געגרינדעט. האט זיך ענטזאגט צו געפי־נען בעשעפטיגונג פאר דיעזע אידען מיט דעם אויסרייד דאס זי האבען נאך זיי ניט געשיקט. זיא האט איהר איינגעשפּארטקייט אזוי וויט געטריבען דאס זיא זארגט זיך ניט וועגען דיעזע מענשען וואס ווערען באַלד אין מיטען גאס ארויסגעווארפען ווערען ווען עס ענדיגט זיך דיא צייט וואס זיי מעגען אין האטעל פארבלייבען. דיא מענשען האבען דא קיין אויסזיכט אַ לעבען צו מאכען, זייענדיג אונבעקאנט און ניט קענענדיג דיא שפּראַכע, יעדע פאַמיליע האט דערצו קליינע קינדער. אויב דער אימיגריישאן באָרד געלינגט ניט צו געפינען פאר זיי ארבייט וועט דאס פערגרעסערען די צאָהל פון דיא ליידיגגעהער. עס איז אונמעגליך פיר דיא רעגיערונג גלייכ־גילטיג צו צוקוקען דיעזע ענטזאגונג זייטענס דער אידישער קאָלאָ־ניזאציאָנעס געזעלשאַפט. דיא לעצטע איז פערפּפּליכטעט דיא אידי־שע אימיגראנטען צו העלפען, געבענדיג זיי ארבייט. ווייל די אימיגראַציאָן אַהער קומט דורך זייער פּראפּאַגאַנדא. דיא יק"א איז ניט אַ האַנדעלס סאָסייטי, איהר ארבייט איז וואהלטהאט און ניט

ספעקילאַציאָן.... דיא זאַך זעהט אויס צו זיין גאַנץ ערנסט.... ווייל וואס וועט פֿריהער אָדער שפּעטער אין אייראָפּאַ בעקאנט און דאס וועט אַ שלעכטען איינדרוק מאכען. און דיעזער איינדרוק אַז אימיגראנטען קריגען דאָ קיינע ארבייט אָדער מיטלען צום לע-בען, וועט געבען דעם לאנד א שלעכטען נאמען."

איך וויים ניט אויב דיא יק"א פֿערדיענט דיא גאנצע שולד וואס דיא לאָקאלע צייטונג ווארפֿט אויף איהר ארויף, איין זאך איז אָבער זיכער דאס דיא ארגענטינישע קאָלאָניעס זיינען ניט דער צופֿלוכטס אָרט וואס דער באַראָן האָט געמיינט זיי זאָלין זיין. אונ-זער עליען עמיגראַנט קלאַפּט אומזאנסט די טירען · פֿון דיא נייע ירושלים פּונקט וויא יעדע קריסטליכע טיר. ניין, זאָגאַר דיעזע אידען וואָס זיינען שוין אינווענניג זעהען אויך ניט אויס אין גאנצען צופֿ-רידען, אויב מען קען אורטהיילען פֿון דיא אידישע צייטונג „דיא פֿאָלקס שטימע" וואָס ווערט געדרוקט אין בוענאס-איירעס, האלטען זיך זייערע חובות אין פֿערגרעסערען; זייער לאנד פֿערלאנגט רוה. ווירקליך זייער צושטאנד ווערט בעשריבען אלס העכסט אונגליקליך איך וואָלט ווירקליך געוואונשען דאס אַ טהייל פֿון דיא טראַסטיעס זאָלען געהען אליין פערזענליך דיא זאַך אונטערזוכען; יאַ, פֿאר איין גאנג אויך צו מאַנכע פאָלעסטינישע קאָלאָניעם פֿון וואַנען שרעק-ליכע געשיכטען גרייכען מיר. אין דיא קאָלאָניעס פֿון ענטר-ריאָס— זאָגט דיא אידישע צייטונג—איז יעדער אייל ערד אויסגעווייקט אין בלוט און טרערען פֿון דיא ארעמע אידען וואָס זיינען אַהין געב-ראכט געווארען צו ווערען פֿרייע קאלאניסטען. נעהמענדיג אַ סך פֿאר פּאָעטישע איבערטרייבונג קען איך זיך דאך ניט פֿיהלען צופֿ-רידען פֿון דיא 4274 זעלען וואס זיינען אויף אַזאַ אַרט גערעטעט.

## ווער אלזא האט פראפיטירט פון דיא הירש מילליאנען?

בלויז דיא ענגלישע רעגירונג, וועלכע האט אבגענומען אַ מילליאָן און אַ פֿירטעל אין טויט-שטייער (דעטה דיוטים). אויב דרייסיג דאָללאר זאל זיין דיא גאראַנטיע פֿאַר יעדען אימיגראנט וואָס קומט נאך ענגלאנד, וויא זיי טהוען אין דיאַ יונייטעד סטייטס, האט שוין דער באַראָן פֿאָראויס איינגעצאָהלט פאר מעהר וויא צוויי הונדערט

טויזענד אידען וואָס זאלען מעגען נאך ענגלאנד קומען, איהר קענט אבער זיכער זיין דאס מען וועט זיי אַהער ניט אַריינלאָזען. דאס איז אלזא דער פונקט וואס מיר האבען געגרייכט. באַראָן הירש האט געפלאַנט אַ גרויסע נייע פּאָליטיק, נעמליך: עמיגראַציאָן, וועלכע —וועז פריי פֿון פֿעהלערען—וואלט גוטע פּרוכט געבראַכט: זיינע טראסטים פאַלען צוריק צו דיא אַלטע, קליינע, אונפּראַקטישע מעטאָדע פֿון פֿעריכטען דעם צושטאנד אויפֿין אָרט, באַראָן הירש האָט פֿערלאנגט צו ווערען דער נייער משה: דיא טראסטים זיינען צום אלטען אדם צוריקגעפאלען דיא אויסוואנדערונג וואס משה האט געפיהרט איז געגאנגען מיט אזייל פֿון וואלקען: דיא יק"א פֿיהרט קיין אויסוואנדערונג—בלויז דעם זייל וואלקען וועלכער איז גאנץ געדיכט אין דער געגענד פֿון דעם באַלאַנס־שיט. באַראן הירש'עס פלאן איז געווען דיא פֿינסטערען רוסלאַנד—און אַ וועג אַרויס דער פלאן פֿון דיא טראסטים איז פֿינסטערע יק"א—און קיין אויסוועג קען אבער דיא אידישע פֿראגע געלעזט ווערען אן איין אויסוואנדרונג פֿון רוסלאנד ? דער ענטפער איז: קעשינאוו ! לעזט דעם פֿרעכען „אָפֿיציעלען בעריכט" וועגען דיא בלוט-באָד. דאס האָט זיך אנגעפֿאנגען—הערט זיך נאר צו !—מיט דיא שלעכטע בעהאנדלונג פֿון אַ קריסטליכע פֿרוי אין אַ אידישע קאַרוסעל—אַ לוסטיגע ראָד צום דרעהען זיך. וואס פֿאר אַ פֿינסטערע רעדל דער אויסדרעהען פֿון אַזאַ אָפֿיציעלען ליגען וועט זיין ! פונקט וויא אַ קישינעווער איד אזוי אזיך ציטערענדיג אונטער'ן בלוט בילבול, וואלט געוואגט צו בעריהרען אַ קריסטליכע פֿרוי אם איסטער זונטאג, מיין ניט אָפֿיציעלער בעריכט פֿון קישינעוו ציינט מיר וויא פֿאַנטאַסטיש איז דיא יק"א'ס האָפּענונג אין לעזען דיא אידישע פֿראגע אין רוסלאנד גופא. רעגיערונגס בעאַמטע אין יוניפֿארמען האַבען זיך אויסגעמישט צווישען דיא שלעגער וואס האבען דיא שחיטה אנגעפֿאנגען. דיא גזלנים זיינען געווען פֿון פֿריהער הוליגאַנס און דערנאך פֿון דיא אינטעליגענטע קלאסע,

## צווישען זיי אויך טהעאלאגישע סטודענטען

דיא פּאָלים האָט נאר פֿערהאַפֿטעט אידען וואס האָבען פּרובירט

זיך צו פֿערטהיידיגען, זיי אוּן דיא סאָלדאַטען האָבען אַ גרויסען טהייל גענומען אין דעם פלינדערען, צוויי אָפֿיצירען האָבען פֿערגוואַלטעוועט און געטויטעט אַ אידישע מיידעל פֿאַר דיא אויגען פֿון זייערע אייגענע סאָלדאַטען. וואו דיא אידען האָבען זיך געזוכט צו בעהאַלטען דורכ'ן אַוועקשטעלען אין דיא פֿענסטער קריסטליכע צלמים האָט די פּאליס אויסגעזאָגט אַז דאָ וואָהנען אידען האָט מען זיי אַרויסגעשלעפּט און געקרייציגט. דיא אידעשע פֿוהרלייט וואָס האָבען זיך אונטער־שטעלט צו פֿיהרען דיא אידישע פֿערוואונדעטע נאָך דיא האָספּי־טעלער זיינען ערמאָרדעט געוואָרען—און דאס איז געשעהן אין אַ לאַנד וואָס געהערט צו דיא ליג פֿון רויטען קרייץ! דער גובערנאטאָר האָט זונטאַג פֿריה אַנגעפֿרעגט אין פעטערבורג וואס ער זאָל טאָן, ער האָט אָבער פֿערבאָטען פריוואט טעלעגראַמען אהין צו שיקען. מאָנ־טאַג פֿריה, נאָך די שרעקליכע סצענען פֿון בומשעריי, איז אַ אידישע דעפּוטאציאָן אַוועקגעגאַנגען צום גובערנאטאָר פֿערלאַנגענדיג ער זאָל שטרענגע מאסרעגעל נעהמען פֿאַר זייער בעשיצונג, ער האָט אָבער קאלט געענטפֿערט אַז ער קען דערצו גאָר נישט טאָן ווייל

## ער האט נאך גאר נישט געהערט פון פעטערבורג.

זיי האָבען געבעטען ערלויבענים צו פֿערבלייבען אין הויף, האָט ער אָבער געהייסען מען זאָל זיי אַרויסיאָגען. דער ענטפֿער פֿון פעטער־בורג איז ניט געקומען ביז מאָנטאַג ביי נאַכט. דערווייל איז דיא אַריסטאָקראַטיע פֿון קישינעוו אַרומגעפֿאָרען אין דיא קאַרעטען אנ־צוקוקען דעם שפּאס. דער קריסטליכער פרעזידענט פֿון דיא אַרביי־טער צעכם האָט דיא מערדער פֿערטהיידיגט אָן דעם גרונד דאָס זיי האָבען געגלייבט אַז זיי האַנדלען אויף'ן בעפֿעהל פֿון פעטערבורג. אין דעם אָפֿיציעלען רעפּאָרט אַליין לעזען מיר דאָס דער פֿאַל פֿון קישינעוו קען פֿיהרען צו אונרוהען אין אַנדערע שטעדט און האָט געבראַכט דאָס דיא אידען זאלען בילדען סאָסייטים זיך צו פֿער־טהיידיגען. דער מיניסטער דער אינגערען האָט דעריבער אַרויסגע־לאָזען א צירקולאַר וועלכער זאָגט דאָס דיא רעגיערונג וועט דיעזע פֿערטהיידיגונג חברות ניט דולדען. דאָס איז אלזאָ דיא לאנד אין וועלכע דיא יק"א גלויבט איניוועניג צו לעזען דיא אידישע פֿראגע

דאָס קען גאנץ איינפאַך געלעזט ווערען—האָט מיר מאַדאַם נאָווקאָף מיט אַ קורצע צייט צוריק געזאָגט—ווייל דאָס איז אין רוסלאַנד אַ רעליגיעזע פראַגע ניט וויא אַנדערש וואו איין עקאָנאָמישע פראגע!

## זאלען דיא אידען ווערען קריסטען,

און דיא שווערקייט איז צו ענדע. מיר זעהט אויס אַז דאָ איז איין אנדער לעזונג זאַלען דיא רוסען ווערען קריסטען. אָבער אַזוי וויא מיין מיטעל און איהרע זיינען ביידע אונמעגליך, בלייבט נאָר דער יק"א צו פרעגען פאַרוואָס זי האַנדעלט פונקט פערקעהרט פון באַראָן הירש'ס אויסדריקליכען וואונש? „איז גאָר קיין האָפענונג פאַראן פאַר ליכטיגערע טעג אין רוסלאנד?"—פרעגט מר לוסיאַן וואָלף און דער באַראָן ענטפערט: „קיין האָפענונג!" קיין האָפענונג זאָ לאַנג די אידען בלייבען אידען און די קריסטען—בארבאַרען; קיין האָפע־נונג זאָלאנג דאָס יעדער איסטער, ווען יעדער קריסט דענקט פון בלוט און צלם, בריינגט צוריק דיא שרעקליכע בעשולדיגונג פון די אידישע קרייציגונג. און ווען איך זאָג: זאָלען דיא באַראָן הירש מיליאָנען אַרויסנעהמען דיא רוסישע אידען נאָך פאַלעסטינאַ—פערדאַמען דאָס מר. לוסיאן וואלף און דר. גאַסטער אַלס אַ פּאָליטיק פון רויב. רויב? ווער קען זאגען דאס דער ריכטיגער רויב זיינען ניט געווען דיא געמוטשעטע אידען אין קישינעוו וועלכע האָבען שוין געקאנט זיין אויסגעוואַנדערט. וואָס! געהן אונטערן סולטאַן?—שרייען מענשען. וויא! שטעהען אונטערן צאַר?—ענטפער איך. איהר וועט אָבער האַנד־לען מיט דעם מערדער פון דיא קריסטען—שרייט מר. לוסיאן וואלף, ווירקליך, מר. לוסיאן וואלף קען דיא קריסטען איבערלאָזען זייא זאָללען אַליין אויף זיך אַכטונג געבען. וויא לאָרד לאנסדוין האָט פונקט אין דעם זעלבען טאָג געזאָגט אין דיא הויז אָף לאָרדס: "מעהר מערדערייען זיינען בעגאַנגען געוואָרען דורך דער מאַצעדאָנישער קאָ־מיטע וויא דורך דיא רעפּרעזענטירטע פון דער טירקישער רעגי־רונג", און מערדערייען זיינען דיא געוועהנליכע מעטאָדען פון פּאָ־ליטישע דיסקוסיאָנען אין דיעזע אונגליקליכע לענדער.

## אבער איז באראן הירש ניט געווען געגען ציון?

איך קען נאָר זאָגען דאָס דיא עדות איבער דיעזען פּונקט ווידער־שפּרעכען זיך. געגען ציוניזם איז ער געווים ניט געווען, ווייל אין דער פּאָליטישער פאָרמע איז ציוניזם אין זיין צייט נאך ניט געווען געבאָרען. מר. לוסיאָן וואָלף זאָגט דאס ער איז געווען געגען פּאַלעסטינאַ; מר. עלקאן אַדלער וואָס האָט איהם אויך געקענט זאָגט דאס ער האָט זיך בלויז געשראָקען אַז פּאַלעסטינאַ זאָל ניט פאַלען אין די הענד פון רוסלאַנד. אַ קריסטליכער דשענטעלמאן, מר. פרעד שאלער, פון פּאלמאוטה האָט צו מיר געשריבען אַז ער האָט אליין מיטגעשטייערט הונדערט פּונט צו דער גרינדונג פון דער יק״א אונטער דעם איינדרוק פון אַ געשפּרעך וואָס ער האָט מיט׳ן באַראָן געהאַט, מיט וועמען ער האָט זיך אויף אַ שיף בעקאנט געמאַכט —דאס אַרגענטינאַ איז נאָר אַ פאָרבערייטונג פאַר פּאַלעסטינאַ איך וואָלט פּיליכט געצווייפעלט אין זיין געשיכטע אַליין ווען ער וואָלט מיר ניט געשיקט 50 פונט בעמערקענדיג: ״איך וועל פּרובירען נאך אַמאָל, מעגליך מיט מעהר גליק״ איך האָב א׳הם געקויפט 50 שעהרס פון דיא קאָלאָניאַל טראַסט מיט דעם האָפענונג אז דאָס וועט ווירקליך זיין מיט מעהר גליק. אין דעם זעלבען פּונקט האָבען מיר אויך דיא עדות פון דעם אויסגעצייכענטען אינטערוויוער מר. לוסיאָן וואלף ווייל אין מארטש 1892 האָט דער אינטערוויוער פון דעם נייעם משה אינטערוויוער דעם נייעם יהושע, וויא מר. וואָלף אַליין האָט זיין אַרטיקעל בעצייכענט פון דעם געשפּרעך מיט קאָלאָנעל גאָלדסמיטה. דער קאָלאָנעל האָט געהאַלטען דאַנן ביי אַרויספאהרען נאך בוענאָס-איירעס. ער האָט בעטראכט דיא אַרגענטינאַ אַלס אַ נויטיגע סקול פאַר פּאַלעסטינאַ. „דיא אידישע פראַגע וועט קיין מאָל ניט געלעזט ווערען—האָט גאָלדסמיד געזאָגט ביז אַ אידישער שטאַט, גאַראַנטירט פון דיא מעכטע, איז פעסטגעשטעלט אין דאָס אידישע לאַנד.״ מיר האָבען אויך דעם פאַקט וואָס אונזער פריינד מר. בענטוויטש האָט אויס געפונען דאָס מיט אַ פאָר מאָנאַט בעפאָר ער האָט דיא יק״א געגרינדעט, האָט באַראָן הירש.

## געצייכענט א פעטיציאָ פיר פאלעסטינא.

וועלכע איז דערלאַנגט געוואָרען צו לאָרד סאָליסבורי ער זאָל דורך זיין רעגירונג העלפען דיא רוסישע אידען זיך צו ווידערקערען נאָך ציון. עס זעהט אויס דאס דער באראָן איז געגאַנגען נאך סאוטה אַמעריקאַ ווייל פאלעסטינאַ איז פאַר איהם ניט געווען אָפען. אין יעדען פאַלל האָט ער געשריבען צו רבי שמואל מאָהילעווער אין 1892 דאס אָבוואָהל אַרגענטינאַ איז געוואָרען זיין ליעבלינג—אויב אַ טהייל פון דיא אידען ווינשען צו געהען נאך פאַלעסטינאַ בעטראַכט ער דאס פאר זיין פפליכט אויף דעם בייסים אויך צו אַרבייטען. אייב אָבער די עדות וואָלט אין גאַנצען געגאַנגען אויף דעם צוויי־טען זייט וואָלט דאס אויך מיר ניט איבערציינט, ווייל דער באַראָן איז ניט געשטאָרבען אָהנע צו פערליערען דיא האָפענונג אויף אַר־גענטינאַ. ער איז ניט געווען פערבונדען אין גאַנצען צו איין פלאַן דיא וואָס האָבען איהם גוט געקענט האבען מיר געזאָגט דאָס ער איז געווען'אַ מענש פון איין אונרוהיגער פאַנטאַזיע, אין קאָפּ בייא איהם האָבען זיך שטענדיג געוואָרפען נייע פלאַנען, בלויז איין זאַך איז ביי איהם געווען פעסט: זיין ענטשלוס ישראל צו רעטען. ער האָט ניט וויסענדיג געליטען פון אַ שלעכטען פלאָן; ער האָט געליטען מאַנגעל אָן העלפערס. ציוניזם גיט איהם אַ פלאן און טויזענדע העלפער. ציוניסטישע סאָסייטעס זיינען אין יעדען טהייל פון דער וועלט. ווער עס ווינשט דעם צוועק ווינשט אויך דיא מיטלען—און אנדערע מיטלען צו רעטען ישראל זיינען ניטאָ. דאס בלייבט פאַר די יק"א צו ווייזען אַז דער באראָן וואָלט ניט געווילקאָממט מאָדער־נעם ציוניזם מיט אָפענע ארעמס, און אלעס וואָס מען קען איבער־ציינען איז דאָס ער איז געווען געגען רוסלאנד, פונקט גענען דאָס לאנד וואו דיא יק"א זעהען דיא אידען איינצוהאלטען.

## וועט אבער פרעה לאזען דיא אידען געהן?

איך גיב איין, אז דאס איז אַ וויכטיגע פראגע. גליקליכער ווייזע האָב איך ציינגיסע וועגען דעם פונקט אויך, וואס ווייזט אז באראָן הירש'עס פלאן איז געווען גרעסער וויא דער באראָן האָט דאס פאַר מר. לוסיאָן וואָלף פערטרויט.

איהר ווייסט דאס דיא רוסישע רעגירונג ווערט אנגעפיהרט דורך אַ קאנסול פון דעם צאַר אַליין. אויטאָקראַטיש וויא די רוסישע רעגירונג איז האט זיא נאך ניט געגרייכט צו אַזא מדרגה פון ניט־פעראנטוואָרטליכקייט פון דעם קאנסיל פובליצירט. און דאס איז וויא אזויא איך קען פאר אייך פארלייגען דיא דעבאטען פון קאנסיל ווען באראָן הירש האָט פאר זיי פאָרגעלייגט צו גרינדען דיא יק"א הערט זיך צו צום רוסישען געשיכטע שרייבער, ווען איך פערקירץ עטוואָס:
"דער פלאן פון באראָן הירש פאר אַ גרויסע אויסוואנדערונג פון אידען פון רוסלאנד נאך אמעריקא, וואָס איז פאָרגעלייגט געוואָרען אין אַנפאַנג פון יאָהר 1890, האָט אויסגעזעהען פאר דער רעגירונג אלס דיא בעסטע לעזונג פון דער אידישער פראגע, אָבוואָהל מאנכע האָבען זייער צווייפעל אויסגעדריקט אין די אויספיהרבארקייט דערפון. דער פראָיעקט האָט דיא רעגירונגס קרייזען בעזאָנדערס דערפרעהט ווייל זייער אייגענער פערזוך דיא אידעשע פראגע צו לעזען אין איין וועג אָדער דיא צווייטע האָט זיך אימער אויסגעלאָזען אָהן דעם מינדעסטען רעזולטאט, גאנץ גלייך אויב זיי האָבען געזוכט די אידעשע רעכטע צו בעשרענקען אָדער פערמעהרען, דער רעזולטאט איז געווען דערזעלבער, אללעס וואס זיי האָבען אונטערנומען האָט געבראכט דיא אידען אַמאָל פרייד און אַמאָל לייד, אַבער ניט פון די אָדער פון דיא איז עטוואָס גוטעס אַרויסגעקומען צו דאס רוסישע פאָלק."

לאמיר זיך דאָ אבשטעלען ביי דער פאָזיציאָן. דיא אידישע פראגע, אין רוסלאַנד איז וויא אזוי צו העלפען דעם אָרעמען קריסט. ווען ניט אונזער אייגענע איסט ענד אַגיטאציא וואָלטען מיר דאס ניט פערשטאנען אַזוי לייבט אונזער אייגענע עליען קאָמיסיאָן זיצט ניט צו העלפען די אידען נור די קריסטען. ווען דעריבער די יק"א רעדט פון לעזען די אידעשע פראגע אין רוסלאַנד לאָמיר געדענקען, אַז די פראגע: איז וויא אַזוי צו העלפען די קריסטען דורכ'ן ווערען פטור פון דיא אידען. דיא אידען אין רוסלאַנד זיינען אַ לאַסט, איין איבעריגע זאך און אַ הינדערונג. ווען רוסלאנד האָט גענומען איהר טהייל אין פוילען האָט זיא געפונען דאָרטען מיליאָנען אידען אין איהר רויב,

און ויא האָט געטוהט איבערנעהמען דיא גוטע צוזאמען מיט דיא שלעכטע. אין דעם יאָהר 1888 דער גובערנאטאָר פֿון קאמעניץ פּאָדאָלסק אין זיין יעהרליכען רעפּאָרט האָט פֿאָרגעלייגט דאס דיא עמיגראציאָן פֿון די אידען אוים רוסלאנד איז זעהר ווינשענסווערטה, דער צאר האָט דערצו בעמערקט:

## „ווירקליך זייער נוצבאר"

אין 1890 האָט דער אדעססער פאליציימייסטער פֿאָרגעלייגט ניט צו ערלויבען דיא אידישע עמיגראנטען דאס רעכט נאך רוסלאנד צוריק אייינצוקומען נאך אַ געוויסע צייט. דער צאר האָט דערצו בעמערקט: "יא".

"עס איז דערפֿון לייכט צו פֿערשטעהען—זאָגט דער רוסישער געשיכטע שרייבער—מיט וואָס פיר אַ אינטערעסע די רעגירונג האָט אויפֿגענומען דעם פֿאָרשלאג פֿון דער יק"א אין לאָנדאָן ארויסצונעמען פֿון רוסלאַנד דריי מילליאָן אַ פֿיערטעל אידען אין אַ צייט פֿון 25 יאהר. פֿאר איין אנפֿאַנג האָט דיא יק"א געהאַט אַ אויסזיכט ארויסצונעמען פֿינף און צוואַנציג טויזענד אידען אין יאַהר 1892. דער אַדמיראַל טשיכאַטשעוו האָט פֿארגעלייגט צו פּראָפּיטירען פֿון דיעזען גליקליכען צופֿאַל אין אָרגאניזירען אַ אידישע עמיגראַציאָן פֿון יעהרליכע גרופּען יעדען יאהר זאָלען אַרויסגעהען מעהר וויא עס ווערען געבאָרען. ער האָט פֿאָרגעלייגט דאס דיא יק"א זאָל בעצאָלט ווערען 5 רובעל מיט 84 קאָפּעקען (אונגעפֿעהר 12 שילינג) פֿאר יעדען אידען וואָס זיא נעהמט אַרוים מיט דער בעדינגונג אַז זיא זאל אַרויסנעמען 130 טויזענד דעם ערשטען יאהר אָדער 650 טויזענד אין פֿינף יאהר. די געלד זאָלל אַלע 5 יאהר אויסגעצאָהלט ווערען פֿון דיא קאַראָבקע אויף כשרה פֿלייש".

איך וועל אייך ניט דערצעהלען צו לאַנג וועגען דער דעבאַטע איבער דיעזען פֿאָרשלאַג, אַויך ניט פֿון דעם אַמענדעמענט וואָס דער מיניסטער דורנאָוואָ האָט געמאַכט דאס אין פֿאַל דיא יק"א נעהמט ניט אַרוים אַ געוויסע צאָהל אידען זאָל זיא אויפֿגעלעזט ווערען, דער פֿאָרשלאג איז דורכגעפֿאַלען, אָבער אין דעם זעלבען יאהר, 1892, האָבען דער מיניסטער דער אינערען צוזאַמען מיט'ן

פינאַנס מיניסטער בענוצט דיא אידעשע קאַראָבקע געלד צו העלפען אידען פון רוסלאַנד אוועקצופיהרען. אַזוי אַנגסטיג איז פרעה געווען צו לאָזען דיא אידען געהען דאס אַללע פּאָ־מאַליטעטען פון דיא זאַקאָנעס זיינען פערגעסען געוואָרען, זייערע פאספארטען האָט מען זיי בענאַה אין דיא געזיכטער געוואָרפען—און אָהן שטראָף פאַר ניט דורכמאַכען דיא מיליטער דיענסט, איז בלויז צו דער יק"א בסוד איבערגעגעבען געווארען דער פאַקט דאס מען וועט זיי לאָזען דיא אידען אַרויסנעהמען אַזוי לייכט וויא מעגליך. אין פאַל אַזעלכע אי־מיגראַנטען קומען צוריק מוז דיא יק"א דעקען דיא קאָסטען פון זייער איינשטעלען זיך צוריק. צו דעם צוועק מוז דיא יק"א האָבען שטענדיג אין מיניסטעריום דער אינערען איינגעלייגט אַ סומע פון הונדערט טויזענד רובעל. אויב אָבער דער קומען צוריק ווערט שטארק האָט דיא רעגירונג דאס רעכט דיא גאַנצע ארבייט פון דער יק"א אבצושטעלען. אויף דיעזע בעדינגונג

## האט דער צאר דיא יק"א ערלויבט

אנצופאַנגען איהרע ארבייט. דאס איז אַלזאָ דער צושטאַנד אין רוסלאנד. דאס איז ניט אַ אידישע פראַגע; נאר אַ קריסטליכע פראַגע ניט מיר זיינען די ליידענדע, מיר זיינען די וואס שטערען די רוהה פון אַנ־ערע. אויב דיעזע אַנזיכט איז גערעכט אָדער ניט, מיר אַללע גיבען ניט דיא פעלקער פיעל מעהר וויא מיר נעהמען פון זיי. אויב רוסלאַנד וואָלט ערלויבט איהרע אידען, דער לעבענס-בלוט פון האַנדעל, צו צירקולירען איבער דיא אויסנעהונגערטע אימפעריע, אויב זיא וואָלט דורך דעם ניט פערגרעסערט איהרע קרעפטען און וואָלט קענען שפּייזען איהרע הונגעריגע מושיקעס—דאס איז אין גאַנצען איין אַנדער פראַגע. עס איז גענוג דאס זיא קוקט גאַנץ אַנדערש אויף דער זאַך, דאס זיא וויל אונז ניט האָבען, און דאס וואס זיא וויל יא איז צו האָבען איין קירכע, איין שטאַט: איין שפראַך און איין בלוט, אַ זאַך צו וואָס מיר וויא אַנדערע ניט פון איהר קירכע זיינען איהר איבעריג. ניט נאר זיא פערלאַנגט אונז ניט, נאר זיא איז בערייט צו צוצאָהלען צוועלף שילינג פער קאָפּ אום פון אונז פטור צו ווערען.

און וויא אַזוי וואַגט אַ פֿאָלק פֿון אונזער מאַכט און אַלטען שטאָלץ אַזאַ נידעריגע פּאָזיציאָן איינצונעהמען: אַרויפֿצוואַרפֿען זיך צו מענשען אויפ׳ן האַלז ווערלבע ווילען אונז ניט: אנהייגען זיך אויף יעדען און טרייען:

„ביזט מיין ברודער! איך בין אויך אַ רוססע, איך בין אויך אַ פֿראַנצויז, איך בין אויך אַ רומענער". אָבער אין פֿראַנקרייך שרייט מען "אַרונטער מיט דיא אידען", אין רומעניען: "אַוועק מיט דיא אידען", זאָגאַר אינגלאַנד און אַמעריקאַ זאָגט מען שוין אויך, ביזט קיין ברודער נאר איין איבעריגע זאַך". זאָלאַנג מען האָט אַ טרוקענע שטיקעל ברויט טאָר ער ניט בעטלען, און זאלאַנג עס איז דא איין אָרט אויף דער וועלט, ווער ווייס וויא לייזיג, וואו מיר קענען מאַכען אַ היים, איז דאס אונזער היים צו מאַכען. "עס ציבעלע זאָלאַנג עס איז אונטער דיין אייגענעם דאַך"—זאָגט דער תלמוד. דער וואס האָט קיין לאַנד דער ווערט ניט גערופֿען מענש. דיא ענגלישע ליעד זאָגט, "מיר מעגען שפּאַצירען, דורך פּאַלאַטסען און פֿערגעניגען, עס איז אָבער דאך ניטאָ אַזאַ אָרט וויא דיא היים, זיא מעג זיין ווער וויים וויא אָרעם."

פּרינץ טשאַרלס סטיואַרט, דער פּרעטענדירער צו דיא ענגלישע קרוין האָט אנגעשריבען אויף אַ שטיקעל פּאפּיער וואָס איז נאך געבליבען בעהאַלטען אין ווינדזאָר, צו לעבען און ניט לעבען איז ערגער וויא געשטאָרבען". דאָס איז פּונקט אונזער צושטאַנד. איך וואָלט צופֿרידענער געווען מיר זאָללען אויסשטאַרבען און זיין נאך אַלעמען. איך דאַנק גאָט דאס וועניגסטענס צעהן שבטים זיינען פֿערלאָרען געגאַנגען. דיא פּרעטענזיע דאס מיר ערפֿיללען אַ גייס־טיגע מיססיאָן צווישען דיא פֿעלקער איז פּונקט וויא דיא פּרעטענזיע פֿון דיא יק"א צו זיין אַ קאָלאָניזאַציאָנס געזעלשאַפֿט. פֿאָריגע וואָך אין דער צייט בין איך געווען אין דיא קאָווענט גאַרדען אָפּערא און געזעהען וויא דיא באָקסעס זיינען פֿולל מיט רייכע אידען. איך האָב דער מאהנט אן באַראָן הירש׳ס ווערטעל: „ווען אַ איד איז רייך איז ער ניט לענגער אַ איד". דיא איינציגע מיסיאָן וואָס אונזערע פּרעדיגער און לעהרער פּרעדיגן, דאס דיא מיסיאָן פֿון אידען איז סובמיסיאָן" (אונטערוואַרפֿונג).

וייל זיי ציינען קיין מאָל ניט אונזער אייגענעם אידעאַל אָדער דיא זאָגענאַנטע מיסיאָן פון פריעדען און ברידערשאַפט אויף דער וועלט. זאָלל נאר אַ מלחמה אויסברעכען אין לאנד און מיר זיינען דיא הילכינסטע זינגער פון מלחמה לידלאַך. דיא אונגליק־ליכע אין קישינעוו האָבען זיך געזוכט צו רעטען דורך אויסשטעלען אין זייערע פענסטער דיא רוסישע הייליגע צלמים און בילדער. דאס איז אונזער גאנצע געשיכטע אין דריי ווערטער. אין מאמענטען פון געפאהר הויבען מיר אויף די פאָהן פון פיינד און אין געוועהנליכען לויף העלפט עס אונז ניט; דיא וואס האָבען אין קישיניעוו דיא צלמים אויסגעשטעלט זיינען געווען פונקט דיא וואס דיא מערדער האבען אויסגעקליבען צו קרייציגען,

מען זאגט אונז אָבער דאס ציוניזם איז געגען דיא אמתע אידי־שע פרינציפען, געגען דיא פרינציפען פון אונזערע גרעסטע פראָ־פעטען. דאס איז פאלש. עס זיינען קיין מאל ניט געווען אזעלכע גרויסע נאציאָנאַליסטען וויא אונזערע נביאים. און עס זיינען אויך קיין מאָל ניט געווען אזעלכע גרויטע אינטערנאציאָנאַליסטען. זיי האבען בלויז געזעהען דאס אינטערנאציאָנאַליזם מוז זיין איינגעוואר־צעלט אין נאַציאָנאליזם, אַז עס איז אונמעגליך א ברידערשאפט פון פעלקער אהנע פעלקער צו זיין ברידער; בעפאָר איך קען האבען אַ ברודער מוז צוערשט זיין א „איך" צו קענען האבען אַ ברודער, דאס נעהמט צווי פערזאָן צו מאבען א י י ן ברודער.

## נאציאנאליטעט איז דיא פערזענליכקייט פון פעלקער.

ווען מיר האבען איין אייגענע לאנד דענן קענען מיר אנפאַנגען ריידען ברידערשאפט. עס איז עטוואס פערדעכטיג ווען דאַס קומט פון אַ פאלק אָהן אַ לאַנד, דאס איז פונקט וויא אַ שנאררער וואס רעדט וועגען סאָציאַליזם דער פוקס וואס האָט זיין עק פערלאָרען וואלט געטאָן בעסער ווען ער וואלט זיינע ברידער פיקס איינגערעד פון דיא אונבעקוועמליכקייט פון איין עק ווען ער האט געהאט זיין אייגענע לאנג האריגע בארשט. „זיי איין עק צו דיא לייבען און ניט א קאָפ צו דיא פיקס" זאגען אונזערע חכמים. זייט בעסער איין עק פון דיא נאַציאנען אוידער אן דער שפיצע פון ציגיינער. מיר

שטעהען פֿאַר פֿרידען אָבער א פֿארשלאג פֿאַרן אוועקלייגען דיא וואפֿען וועט האבען מעהר געוויכט אַז דאס וועט קומען פֿון רייטש-לאַנד וויא מאָנאקאָ. זאָלל פֿארק ליין אַגיטירען געגען דיא צו גרויסע דינער פּארטיעס און דיא הויכע געזעלשאפֿט וועט זיך צוהאָרכען. אָבער דיא אידעע פֿון איינפֿאַך לעבען און הויך דענקען קען ניט מיט אַ גוטען רעזולטאט פּראָקלאַמירט ווערען פֿון ראָטאן הויז פֿון טראמפּס וואָס קאָבען זייערע אייגענע בלאָטערס. אויב מיר וויללען דאס דיא פֿעלקער זאָלען זיך צוהאָרכען צו אונז דארפֿען מיר פֿריהער זעהען זיי זאלען אונז רעספּעקטירען. צו ערפֿיללען דיא אידעען פֿון אונזערע נביאים מוזען מיר האבען איין אייגענע לאַנד. מיר מוזען האָבען איין אייגענעם דאך פֿון וואנען דיעזע אידעען צו פּרעדיגען: צו ווייזען דער וועלט אַ מאדעל שטאט מוז דאס זיין געבויט אויף אונזער אייגענעם באדען ניט אין אַ לאַנד וואו מיר זיינען אין לעבענס געפֿאהר, אָדער וואָס איז ערגער דערפֿון: אין געפֿאהר פֿון פֿערלירען אונזער פּאָזיציאָן אין דער געזעלשאפֿט. אויסהייגען דיא הייליגע צלמים פֿון אונזערע שכנים. דאס איז ניט וויא דיא אַנטי ציוניסטען וואָלטעןווירקליך געווען אינטערנאַציאָנא-ליסטען, ריכטיגע קאָסמאָפּאָליטען. פּונקט פֿערקעהרט, זיי זיינען ענג נאַציאָנאַליסטיש, ענגע מעטראפּאליטאנער.

איך בעקלאג זיך ניט. דאס איז אונמעגליך צו געהערען צו צוויי פֿעלקער, און דיא אידען אין יעדען לאנד קלייבען אוים דאס פֿאָלק צווישען וועמען זיי וואָהנען. איהר וועט זאָגען דאָס דיא אידען האָבען בעוויזען פֿאר גאַנצע 18 הונדערט יאָהר צו געהערען צו צוויי פֿעלקער. דאס איז אבער ניט ריכטיג, זאָלאַנג אַז מען האט זיי געהאלטען פֿערשפּארט אין דיא גהעטאס, פּהיזיש און מאָראַליש, האבען זיי געהערט צו איין פֿאלק—זייער אייגענע. אַזוי גיך אָבער וויא מען האָט זיי פֿון דיא שוץ געפֿעננניסע ארויסגעלא-זען, האָט דיא שטאַרקערע גרעסערע פֿאָלק זיי איינגעשלונגען אין דריי דורות זיינען זיי אין גאנצען אַסימילירט געווארען, זאגאר דא וואו זיי היטען נאך אב דיא פּוסטע צערעמאניעס פֿון הייראַטען צווישען זיך. דאָס איז אונזינן פֿאר דיא אַנטי ציוניסטען צופרע-טענדירען דאָס זיי זיינען קאָסמאָפּאליטען. מר. קלאוד מאנטעפֿיאָר

פרעדיגט אַ ברישישען מלחמה סערמאָן. זיין שוועסטער מיסעס לוקאס שרייבט אַ שעהנע פאטריאטישע פּאָעמע „מוטער ענגלאנד" וועלכע ווערט געזונגען אין דיא אידישע סקולס. נאַציאָנאַליזם איז געמיין און ענג ווען עס האנדעלט זיך וועגען מוטער ציון, אבער ווען דאָס איז וועגען „מוטער ענגלאנד". אָה, דאס איז איין אנדער געשיכטע.

„וויל דער איך, האַנד און האַרץ —
אונזער מוטער ענגלאנד
און זיי זיינען ביידע דיינע,
דיינע פּאר לעבען, דיינע פּאַר טויט,
יאַ, דיינע פיר אימער".

דאס איז זייער פיין, און ענגלאנד פּעררינט דאס ווירקליך פּון אונז. אונזער לעבען איז פּערטיג פּאר איהר אבצוגעבען. איך געפין דאָס אָבער ניט העכער פּון דעם אלטען סענטימענט „אויב איך פּערגעס אן דיר ירושלים, זאָל מיין האנד פּעגעסען ווערען" איין אלטע אידישע לעגענדע דערצעהלט וויא נאכ'ן חורבן האָט ירמיה געזעהען איין איינזאַמע פּרוי וויא זיא זיצט אויף'ן שפּיץ בארג אנגעטאָן אין שווארצען, איהר האר צולאָזען. „ווער וועט מיר טרויסטען?" האָט זיא געוויינט. ירמיה איז צו איהר צוגעגאנגען און געזאָגט: „אויב דו ביזט אַ רוח — געה!" „קענסט מיר ניט?" — האט זיא געענטפּערט —

# איך בין דיא מוטער ציון"

צוויי טויזענד און פינף הונדערט יאָהר זיינען אוועק פּון דאַנען, און זיא וויינט נאך אַלץ איבער איהרע קינדער. אָבער דאס איז בלויז אין דיא לעצטע דורות וויא זיא הערט דאס מען ענטזאגט איהר אַלעם מוטער און האט דיא לעצטע שמערצען ערליטען הערענדיג וויא איהרע קינדער זאגען: „מוטער ענגלאנד" אָה! וויא זיא מוז זיך נעבעך ברעכען דעם קאָפּ, וויל דאָ הערט זיא זינגען „רול בריטאניא" און דארטען דיא „מאַרסיעלעז" און אויף איין אנדער אָרט „דיא וואַכט אם רהיין"! זיא האט געהערט וויא מאַנכע זינגען דיעזע אַלע דריי איינע נאך דיא אַנדערע — פּון אַנגלאָסיזירטע עלזאַ־

סער. דער איינציגער ניגון וואס איז ניט שעהן צו זינגען אויף ציוניסטישע מיטינגס, דיא „התקוה", דיא ליעד פֿון נאַציאָנאַלע האפֿנונג!

דריי זאַכען אין ענגלאנד האבען צו זיך דאָס וואָרט נאַציאָנאל, דאס איז דער נאציאָנאַלער פּאָעט שעקספּיר—און זיין פּראפֿעט איז מר. איזראַעל גאָלאַנץ; דאָ איז דיא דיקשאנערי פֿון נאַציאָנאלע ביאָגראַפֿים—דער רעדאקטאָר דערפֿון איז מר. סירגיילי; דאָ איז דער נאציאָנאלער טעהאטער דרורי ליין—און דער מענעדזער דערפֿון איז מר. ארטהור קאָלינס, אלע דריי אידען. אידען זאגען דאס מיר וואלטען איין אייגענע לאנד ניט געקאנט אנפֿיהרען. איך קען אבער ניט גלויבען דאס דער נאציאָנאליסטישער טאַלאַנט פֿון דיעזע דזענטעלמאַן וואלט אין אייגענע לאנד געבליבען אין גאנצען ליידיג. פֿאר אַ צייט פֿון פיעלע דורות איז בלויז איין הייליגער טאג צוגעגעבען געוואָרען צום ב־יטישען לוח—און דאס איז דער פרים־רויז טאָג, ברי־ישער אימפעריאליזם איז געגרינדעט געווארען דורך אַ אידישען פּאָליטישען, און איך האב מיין האפֿנונג ניט פערלאזען דאס מיר וועלען ארויסגעבען רעגירער זאָגאר פאר אַ קליינע לאנד וואָס וועט זיין אונזערע. אין דער צייט וואס מיר אליין זאגען דאָס מיר וואָלטען ניט קענען לעבען אונטער האם־רול, דאס מיר זיינען נידעריגער וויא דיא רויטע אינדיאנער אדער דיא עסקימאָס, דיא מוראזשקעס און דיא בינען—זאָגען אנדערע: „גרויסער גאט! אז דיעזע מענשען זאָלען זיך נאר צוזאַמענקומען, אז זיי זאללען נאר אויסגעפינען זייער אייגענע מאכט!" מען זאגט אויף אונז אז מיר זיינען אַ קלוגע און פעהיגע ראסע—אָבער דאס איז א בעליידיגונג מיר זייגען פֿעהיג אַלס אינדיווידועלע מענשען. אַלס אַ פֿאלק שטעהען מיר נידעריגער וויא דיא האָטענטאָטען. אויב עס איז דא איין זאך וועגען וועלכע איין אינדיווידועלער איד דענקט זאגאר מעהר וויא די מאָס, איז עס אַ „תכלית", דיא ענדע, דער צוועק, דער פועל יוצא. צו וואס וועט דאס פֿיהרען? פֿרעגט ער, אייב עס איז דא אַ זאך וואס דאַס אידישע פֿאָלק האט פֿערגעסען איז עס—תכלית!

## פּאָלעז, זינקען אַלץ נידעריגער אין אָרמוטה הונגער און שמוץ.

צו לויפען פון איין לאנד נאך דיא צווייטע, אבשטופּען זאַכען פון איין טאָג אויפ'ן צווייטען! אַ גרויסע טהייל פון אונזער וואָהלטהאַט בעשטעהט אין שיקען ארעמע לייט פון מאַנשעסטער נאך לאָנדאָן און דאנן צוריק פון לאָנדאן נאך מאַנשעסטער, אונזערע באָרד אָף גואַרדיענס האָבען ווילד הנאה פון אַזאַ שפּיעל פון ארומשיקענים, דאס גיט זיי אַ פאָזע פון גרויס טהעטיגקייט. א לאַנד איז אַ פערר־אַנטוואָרטליכקייט אָהנע צווייפעל; איך קען אויסקומען אַ מאָל זיך צו שלאָגען דערפאַר. יעצט אָבער זייט איהר געצוואונגען סאָלדאטען צו רוסלאנד, צו דייטשלאַנד און צו דער גאנצער וועלט; אין דער שלאַכט פון קישינעוו אַליין איז אייער פערלוסט געווען—זאָגאַר לויט דעם אָפיציעלען בעריכט—45 טויט. 242 פערוואונדעטע 700 הייזער און 600 שאָפּס אויסגעפּלינדערט, דער פאַרלוסט אין גוטס און האב איז הונדערט טויזענד פונד וואָס מיר מוזען זעהען דעקען; און אָבוואהל איך האָב מיין וועניגקייט געגעבען האָב איך עס דאך געגעבען קארגענדיג דערפאַר ווייל דאס איז געגנבעט פון ציוניזם, און ווייל איך פיהל דאס דיעזען ביללל דארפען צאָהלען דיא רייכע אידען, דיא אנטי ציוניסטען פון פעטערבורג און ריגא, דיא—אידישע רוסען. דיא אידישע לעזער פון איין נוי־יארקער צייטונג האבען צו־געשיקט 15 טויזענד פונד צו דעם צוועק, פיעל מעהר וויא יעמאנד האט וועז פאר דעם ציוניזם געגעבען אָבער אויסהיטען אַ קראנק־הייט זאָל ניט קומען איז פיעל בעסער וויא אַ רפואה דערצו ווען עס קומט. אידישע געלד קען מען קריגען צו יעדען צוועק אויסער צו אַ אידישען. פאָריגע וואָך האָט אַ איד אנגעבאָטען טויזענדער פונטען צו שטעלען אַ מאָנימענט נאך קאסטיושקא דעם פאָלנישען העלד פון פרייהייט. מען האט דאס ענטזאגט צו נעהמען אַלס אַ פרעכהייט וואָס קומט פון אַ אידען. דער זעלבער איד האָט ניט גערענקט פון אונטערשטיצען זיינע אייגענע העלדען פון פרייהייט, עס איז דא אַ אידישע דאַמע אין לאָנדאָן וואָס גיט צעהן טויזענד פונד אַ יאהר צו אַ מוזיקאלישען אינסטיטוט. עס איז ניטאָ איין איד

אין דער גאנצער וועלט וואָס זאָל געבען 10 טויזענד פֿונט פֿיר ציוניזם. אָבער דאס איז דאך געמיין אבצוקויפֿען פאַלעסטינאַ!

מיינע פריינד! איהר קאנט ניט קויפֿען פאַלעסטינאַ. אז איהר וואָלט געהאַט הונדערט מילליאָן וואָלט איהר אז פֿיעל געקענט קויפֿען דעם ארט וואו פאַלעסטינא איז אמאָל געווען. פאַלעסטינאַ אַליין מוזט איהר צוריק בעשאַפֿען דורך שווערע ארבייט ביז עס פֿליסט צוריק מילך און האָניג, די לאנד אליין איז אַ גוטע. זיא איז ניט אזוי גוט וויא סיר סעמיאל מאָנטאַגיו האָט געזאגט בעפאר ער איז געווארען א באַראָנעט, און ניט אזוי שלעכט וויא ער זאגט אויף איהר יעצט. דאס פערלאנגט אָבער א גרויסען אויפֿלעבונגספלאן. געהען צוריק אַהין איז ניט נויטהיג א נס. אזוי אויך אַיז אַ דריט־הלק פון דער בעפֿעלקערונג דארט אידען. און אויב גאָט אליין וואלט דיא איבעריגע פֿון אונז אַהין אריבער געטראגען דורך אַ נס, וואָס וואָלטען מיר דערביי געוואונען מעהר וויא אַ פֿרייע רייזע? מיט דעם שוויים פֿון אונזער שטערען דארפֿען מיר צוריק אונזער פאַלעסטינאַ. און דעריבער דער טאָג אין וועלכען מיר קריגען פאַ־לעסטינאַ, אויב דאָס וועט זיין דער פֿריילכסטער, וועט דאָס אויך זיין דער שרעקליכסטער אין אונזער בעוועגונג. איז דער טאָג נאהנט? איך ווייס ניט איך קען אייך נאר זאָגען דאס דר. הערצעל — וועלכער ער האט מיר בעאויפֿטראגט צו זאגען דעם מיטינג — איז צופֿרידען פֿון אונזער פראָגרעס, און דאס ער האָפֿט אז דער נעקס־טער קאָנגרעס וועט זיין א גאנץ וויכטיגער. איך אליין פערזענליך האב קיין מאָל ניט ערוואַרטעט דאס דיא אונארדענונגען פֿון אכט־צעהן הונדערט יאהר זאָלען אין איין טאג אוועקגעראמט ווערען. אַלעס וואס מיר קענען טאָן איז אנפֿאנגען זיך בעוועגען צו אונזער צוועק, צו ארבייטען, צו היטען, צו אָרגאַנזירען אונזערע קרעפֿטען און זיין פֿערטיג פֿאר אונזער געלעגענהייט. היסטאריע בעוועגט זיך ניט אין טעג נאר אין עפּאָכען. „דאס איז ניט דיין געשעפֿט דיא ארבייט צו ענדיגען" זאגט דער פרק, „ביזט אבער ניט פֿריי דאס צו פֿערנאכלעסיגען" אנשטאַט צו ווארטען געדולדיג וואלט דאס פֿילייכט געווען גלייכער צו מאַכען איין אנפֿאנג אין אונזער גע־

שיכטליכען גע́בורטס-ארט. דיזער פלאן פֿאנגט אן צו אינטערעסירען אנדערע מענשען אויסער אונז: אין דיא „בירמינגהאם דיילי פאסט" דער אָרגעאן פֿון מר. טשעמבערליין, פֿון 7-טען מאי, לעז איך איין ארטיקעל מיט'ן נאמען „די אלטע כאַלדייען", וועלכע בעהאנדלענדיג דעם פֿארשלאג פֿון סיר ווילליאם ווילקאָקס דאס מעזאָפּאָטאַמיא ווען זיא וואָלט צוריק אויפֿגעבויט ווערען וויא עגיפטען וואלט זיא פונקט אזוי געצאהלט און וואלט צוריק געווארען דער גארטען פֿון אָריענט, ענדיגט דער שרייבער פֿאַלגענדעס, וואס וועט אייך פֿעראינטערסירען. „זעכצעהן מיליאן פֿונט ארייננצולייגען אין אזא אונטערנעהמונג זעהט אויס אַ פֿיעל בעסערער געשעפֿט ווידער צוואנציג אָדער דרייסיג מיליאָן אין דיא באַגדאד רעלוויי. אין יעדען פֿאלל דיא ציפֿער און פלענער פֿון סיר ווילליאם ווילקאקס פֿערדינט ריכטיג בעטראכטעט צו ווערען. עס איז ווערטה צו בעמערקען דאס דיא מילליאנען פֿון באַראן הירש וואס זיינען אבגעגעבען געווארען אומצוקעהרען דיא אידען נאך פאלעסטינא זיינען וויא ווייט מיר קענען ערפֿאַהרען, צו קיין זאך בענוצט, און עס איז מעגליך דאס דיא טראסטים ווייסען ניט וויא אַזוי דאס צו בענוצען זא איז א געלעגענהייט פֿאר ציוניזם, אויב אלעס וואס סיר ווילליאם ווילקאקס זאגט קען אויסגעפֿיהרט ווערען „דאס איז מערקווירדיג דאס איך אליין אין מיין ערשטען ארטיקעל איבער ציוניזם אין דיא „קאנטעמפאַראַרי רעוויו", האב פֿאר געשלאגען דעם זעלבען ארט וואו איין אנפאנג זאל געמאכט ווערען. אונזער פֿערוואנדשאפט צו כאַלדייען קומט צווייטע צו פאלעסטינא. א סאך פון אונזערע תפלות זיינען אין כאַלדייאיש געשריבען זאגאר דער „קדיש" אליין, דער תלמוד בבלי שטעהט העכער פון דעם תלמוד ירושלמי. מעגליך דאס כאלדייען קען צושטעלען, אין דיא ווערטער פון קאָלאָנעל גאלדסמיטה

## א לעהר-שולע פיר פאלעסטינא

מעגליך דאס פונקט וויא אונזערע עלטערען וועלען מיר האבען ארומצובלאָנדזען פירציג יאַהר אין דיא ווילדערניס. אבער א הויפטפלאן—דאס מוזען מיר האבען. און דיא יק"א קען איהרע מילליא־

נען פון אונז ניט צוריקהאלטען. זאגאר ווען מיר ווועלען פערלאנגען דעם קאפיטאל אליין ניט נאר דעם איינקונפט. איך זעה עטוואס פון באראנס אידישען הומאָר אין זיין בעשאפען דיא יק"א, וועלכע ער האט אנגעזאָגט דאס זיא מוז יעדען יאהר פערשפענדען איהר גאנצען איינקונפט, זיא טאר ניט שפארען קיין געלד. וויא גוט דער באראָן האט פערשטאנען דיא קליינינקע, פיצינקע אידעען פון דיא אידישע פילאנטראָפען זייער שרעק פאר אונטערנעהמען גרויסע אויפגאבען. דער באראן ערלויבט דיא טראַסטים צו שפענדען מיל־ליאָנען אויף איין קלאפ. ער קען זיך אבער ניט פערזיכערען אז זיי וועלען האבען דעם מוטה דאס צו טאָן, בלויז איין זאך קען ער בעפעהלען, זיי זאלען וועניגסטענס יעדען יאהר דעם גאנצען איינ־קונפט פערשפענדען. איך פאדער זיי יעצט אויף צו פערשפענדען זייער קאַפיטאל אויף אַ גרויסען פלאן פון סענטראליזירטע קאָלאָניזאַ־ציאָן. אַזעלכע וויא דיא „בירמינגהיים דיילי פאָסט" שלאָגט פאר. איך וויל ניט שמייסען אַ טויטען פערד, אדער איבערוויייזען נאך אַמאָל וויאַ אונמעגליך דאס איז פאר א קאָמיטע צושפרייט איבער אייראָפא אנצופיהרען שפּילצייג קאָלאָניען. צושפרייט איבער דריי וועלט טהיילען. מיט מאָנאַטען צוריק האָב איך ערהאלטען אַ הערץ רייסענדען אַפיעל פון אַ קאָלאָניע אין נאָרטה אמעריקאַ. איך האב געשריבען צו אַ פריינד און ער האָט טעלעגראַפירט אדער געשריבען נאך פאריז. פאריז האָט געשריבען אז דיא קאָלאָניע איז אונטער דירעקטער אויפזיכט פון לאָנדאָן, לאנדאָן ווידער האָט גע־צווייפעלט איבער לאָנדאָנס אנזיכט, און ענדליך זיינען דיא אונג־ליקליכע קאָלאָניסטען בעזוארגט געווארען מיט אקסען און אגריקול־טור געציינג; מיר פרעהט דאס זעהר: אבער איך זעה ניט אַיין פארוואס איך זאל דאַרפען טאָן דיא יק"א'ס ארבייט. אבער דיא ארבייט איז אונמעגליך. איין גרויסע קאָלאָניע איז ווערטה הונדערט צוואָרפענע צווייגען. יעדער ביזנעס מאן וויים, אז דאס וואלט קאָנ־צענטרירט אייערע ענערגיען און פערקלענערט דיא קאָסטען, איך בין בלויז אַ ניט ערפאַהרענער אידעאַליסט. איך זעה אבער דאס דער

גרויסער מיללאָנער קארנעגי זאָגט דאָס דיא געהיימנים פֿון ערפֿאלג איז צו האבען

## אלע אייער איז איין קערביל.

און אויף דיעזע קערביל נוט אכטונג געבען. דיא אידען מוזען ארויס־גענומען ווערען פֿון רוסלאנד נאך א סענטראל היים, רוסלאנד האט איהרע אנזיכטען ניט געביטען זינד דעם קאָנסול פֿון דיא מיניסטערס זיא איז נאך יעצט אויך נייגעריג צו לאזען דיא אידען געהן, וויא אזוי ווייס איך דאס? דא איז פֿאָהריגען יאהר געווען א גרויסע ציוניסטען קאָנגרעס אין מינסק. פֿינף הונדערט דעלעגאטען פֿון אלע טהיילען פֿון רוסלאנד זיינען דארטען געווען. רוסישע אידען וואס זיינען ניט ערלויבט צו מאכען ארגאניזאציאָנען זיך צו פֿער־טיידיגען ווערען ערמוטהיגט צו מאכען חברות אום רוסלאנד צו פֿערלאזען. ארויסצונעהמען דיא אידען פֿון רוסלאנד און זיי ערהויבען —דאס איז געווען באראָן הירשס פלאן, ציוניזם גיט איהם דיא ערפֿילונג פֿון זיין טרוים און איין ארמעע פֿון איבער געגעבענע העל־פֿערס". דא איז הירש—האט געשריבען סעסיל רהאדס—וועלכער טאפט אין דער פֿינסטער ניט צו וויסען וואס צו טאן מיט זיינע מיליאָנען

## ציוניזם גיט דיא ליכט.

און צו ציוניזם מוזען אויך דיא מילליאנען געהען. אבער אויך אהן זיי זיינען מיר ניט פֿערלארען מיר וועלען געהען לאנגזאמער, אבער דאך זיכער ווייל לאנגזאם אדער שנעל. דורך פֿריינד אדער פֿיינד, אונזער בעוועגונג געהט מחיל אל חיל, דאס שפרייט זיך אוים בוכ־שטעבליך פֿון קאנאדא נאך קאבין־בינא. פֿין קאנאַדא קומט היינט אן: „מיר האלטען דיא פֿעסטונג אין יעדער שטאָדט פֿון דיא דאמיניאָן"; פֿון קאבין בינא, בין איך געבעטען צו רעפרעזענטירען דיא ווייסע אידען צום נעכסטען באזעל קאנגרעס, און איך וואלט נאך מעהר צופֿרידען געווען צו רעפרעזענטירען דיא שווארצע אידען פֿון קאבין־בינא. און נאך צופֿרידענערביידען אויף א מאָל, ווייל אין ציון מוזען אלע אידען זיין ברידער, אין ציון

קען נים זיין קיין אונטערשיד פֿון קאליער, קיין שטאָלץ פֿון פֿאָר-אורטהייל, קיין נידעריקייט פֿון סעקטע אדער געשלעכט. דא וועט נאר זיין איין כבוד—פֿאר דעם וואס פֿערדינט קיין אנדער שטאָלץ סיידען אויף גוטסקייט, וויל פֿון ציון וועט ארויס די געזעצע פֿון ליעבע, און דאס וואָרט פֿון גערעכטיגקייט וועט קומען פֿון ירושלים.

ענדע.

# געעהרטעס פובליקום!

ווער עס וויל האבען

## גוטע דרוק ארבייט אונד ניט טהייער

זאל זיך ווענדען אין מיין

## דרוק געשעפֿט

# 36 לעמאן סטריט,

## לאנדאן, איסט.

איך מאכע געשעפטס זאכען, ביכער אידישע, איינגלישע

אונד אין אלע פֿערשיעדענע אייראפעאישע שפראכען.

אין מיין דרוק געשעפֿט ווערט געמאכט

## : דיא · בעסטע · גאלד · בלאקינג :

אויף קארדס, פאפיער אונד סילק.

יעדער ווירד אין מיין דרוקגעשעפט . . .

. . . אללע צופריעדענהייט בעקוממען.

☛ ביטטע מיין געשעפט צו בעזוכען. ☚

אכטונגספֿאלל,

**ה. גינצבורג,**

**36 לעמאן סט.,**

לאנדאן, איסט.

# איסט ענד בראַנטש
פֿון דיא
# אינטערנאציאנאַלע באַנק אָף לאָנדאָן,
לימיטעד,
## 19 לעמאַן סטריט,
## לאָנדאָן, איסט.



שיפסקאַרטען נאָך אַלע טהיילען דער וועלט.

## ביינקינג דעפּאַרטמענט.

דיעזע בראַנטש אונטערנעהמט אַלע געוועהנליכע בענק ביזנעס, און עפּענט טשעק אַקוינטס מיט יעדע סומע. די קאָסטומערס בעקומען טשעק און פּאַסביכער.

די באַנק נעהמט אָן דעפּאָזיט געלד אויף בעשטימטע צייט.

די באַנק קאַסירט איין פֿיר די קאַסטומערס וועקסלען, קופּאָנס דיווידענס און אַנדערע דאָקומענטען וואס האבען אַ געלד ווערדע. די באַנק איבערנעמט אַלע אָרדערס צו קויפֿען פֿיר קעש אָדער צו פֿערקויפֿען שעהרס אויף דיא לאָנדאָנער סטאָק עקסטשענדש און אויף בערזען פֿון אויסלאַנד.

## דיא בענק לייהט געלד אויף סעקיוריטיס.

## געלד שיקען נאָך'ן אויסלאַנד.

דורך דיזע באַנק קען מען געלד שיקען נאָך אַללע לענדער דער וועלט, סיי דורך דראַפֿטס (אָנווייזונגען), דורך טעלעגראַף אָדער דורך דירעקטע אויסצאַהלונגען. בעזאָנדערס נאָך רוססלאַנד קען מען געלד שיקען פֿון די קלענסטע ביז די גרעסטע סומע אפילו אין די קלענסטע שטעדטעל אָדער דאָרף אין 4 טאָג.

## געלד וועקסעל.

אַלע אויסלענדישע געלד (סייא פּאַפּיר געלד, גאָלד אָדער זילבער) ווערדען געוועקסעלט און פֿערקויפֿט.

## סייווינגס דעפּאַרטמענט (שפּאָר קאַסע).

אין דיא פֿאָלקסבאַנק (סייווינגס באַנק איוף'ן 1טען טערפּ) קען מען סייווען (שפּאָרען) פֿון 1 שיללינג און העכער און $2\frac{1}{2}$ פּראָצענט ווירד געצאַהלט אויף יעדען איינגעצאַהלטען פֿונד שטערלינג און מען קען דאס געלד אַרויס נעהמען צו יעדער צייט אָהנע שום נאָטיס

## פּרעמיע אבליגאציעס (ווינגרישע בילעטען).

פּרעמיע אָבליגאַציעס פֿון אַלע לענדער דער וועלט און בעזאָנדערס רוססישע ווינגרישע בילעטען ווערען געקויפֿט און פֿערקויפֿט און זיינען צו בעקומען אויף לייכטע אבצאהלונג. פֿאַר מעהרער פּאַרטיקולאַרס, זיך צוא ווענדען דורך בריעף, וועלכע מען קען שרייבען אין אלע שפּראכען אָדער פּערזענליך אין דיא בענק.

# EAST END BRANCH,
## International Bank of London, Limited,
## 19, LEMAN STREET, LONDON E.